STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02663

HAYKEL DER LETS, ODER, DER BEHRIMTER VITTSLING

M. Kroyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חײקעל דער לץ

— אָדער —

דער בערידהמטער װיטצלינג

— פון —

ס. קרוין

היברו פּאַבּלישינג קאָמפּאַני
50-52 עלדרידזש סט., ניו יאָרק.

HEBREW PUBLISHING CO.
50-52 ELDRIDGE ST.
NEW YORK.

א עצה טובה.

חייקעל. זאָג מיר נאר מייקעל, דוא ביסט דאָך מיין בעסטער פריינד, קענסט דוא מיר ניט געבען אַן׳עצה? — איך בין יעצט ניט לאנג נאָך דער חתונה און האָב עטליכע הונדערט דאָללאר און ווייס ניט וואס אָנצופאנגען, קענסטו מיר ניט ראטהען, וואס פאר א געשעפט איך זאָל מאכען?

מייקעל. אזוי וויא דיא בעסטע געשעפטען ליגען היינט אין דער ערד, איז מיין עצה דוא זאָלסט אהין געהן, ועסטו געוויס דארט מאכען גוטע געשעפטען.

ער וויל דיא קליינע.

פאטער. זעה מיין זוהן, דאָרטען געהט שטיינהאָלץ מיט זיינע צוויי טעכטער, ער זאָגט דוא ביזט דער ריכטיגער מאַן, און ער וויל דיר איינע געבען. וועלכע געפעלט דיר בעסער, דיא גרויסע אָדער דיא קליינע?

זוהן. געפעלען, געפעלט מיר דיא גרויסע, אָבער נעהמען וועלל איך דיא קליינע, וויל אויף איהרע קליידער דארף מען ווייניגער וואארע געברויכען.

אַ קוש שיקט זיך ניט.

א יונגער מאַן קומט אבענדס נאָך הויזע, און טרעפט ביי דער טיהר דיא מאָכטער פון זיין ווירטהין. ער טרייבט א ביסעל שפאס און גיט איהר ענד־ליך א קוס. דאס פריילין ווערט פייער־רויט, גיט איהם א קלאפ איבער׳ן האנד און זאָגט מיט כעס: וואס פאלט אייך איין, דאס שיקט זיך דאָך ניט!

— איך ווייס, ענטפערט ער געלאסען, א קוש שיקט זיך ניט, און דארום האָב איך עס אייך אליין געבראכט.

א קליינער טעות.

אפּאָטהעקער (צום דיענער:) „זעה דאָ, משאלי נעהם דיעזעס שאכטעל פּי־לען און טראָג דאס אוועק צו הערר לעווענטהאל. און זאָג, אז דער דאָקטאָר האט געהייסען דער קראנקער זאָל איינגעהמען צו 2 פּילען א שטונדע; אבער

ארונטער שלינגען, נים קיינן מים דיא ציינער. דאן, אום דיר איינצושפארען א וועג, טשאלי, נעהם אויך מים דיא זעקס געגנו פון דאנען און לאז זיי צוריק ביי מיר אין דער היים."

טשאלי האם אבער געלאזען דיא פילען ביים אפאטהעקער אין דער היים און געבראכט דעם קראנקען דיא געגנו. וועלכען ער האם געהייסען איינגעהמען „צו 2 אין א שטונדע: אבער ארונטער שלינגען, נים קייען."

געלעבט אין טעות.

אין א וואגען זענען געזעסען צוויי מענשען. איינער האט זיך געכאפט, אז מען האט ביי איהם דיא נאדעלבעל ארויס געגנבעט. און האט חושד גע־ווען אין דער גנבה דעם צווייטען, באלד אבער האט ער דיא מיבעל געפונען ביי זיך אין דער צווייטער קעשענע.

— זיים מיר מוחל, וואס איך האב בטעות אייך חושד געווען.

— בארוהיגט אייך; מיר האבען ביידע געלעבט אין טעות: איהר האט מיך גערעכענט פאר א גנב און איך אייך פאר א פיינעם מענשען.

א וואונדער.

— איהר ווייסט, ר' חיים, גרשון חיענעס האט אייך בארעדט:

— דאס וואונדערט מיך, האט חיים געענטפערט. איך האב איהם נאך קיין מאהל קיין טובה געטהון.

א צוגלייבעניש

— וויא אין דיר נים מאוס אזוי שפעט צו ליגען און שלאפען? עס איז דאך שוין א פאר שעה וויא דיא זון איז אויפגעגאנגען.

— א צוגלייבעניש! דיא זון ליגט זיך אין אנהויב אבענד, און איך בין געזעסען ביז א האלבע נאכט.

דער שטעקען שלאגט נים.

א נביר האט זיך געמאכט א רגילות נים גלויבען אין דעם, וואס איהם האט נים געשמעקט.

— ס'איז ליגענד, גלויבט נים — פלעגט ער שטענדיג רעדען, אז מען פלעגט איהם דערצעהלען אזאך, וואס איהם געפעלט נים.

א מאָהל איז צו איהם צוגאסט, נעקומען זיינער א בעקאנטער. דעם נביר'ס באַליעבטער הונד האָט זיך א וואָרף נעטהון אויף'ן נאסט און איהם אזא שטאַרקען ביסס נעטהון אין פוס אז ער איז אויפגעשפרונגען פיר ווייטאָג.

— ניט האָט קיין מורא — האָט דער נביר געזאָגט: מיין הונד בייסט ניט.

דער גאסט האָט געחאַפט זיין שטעקען און גוט אָנגעקלאַפט דעם הונד.

— האָט קיין מורא—האָט ער צום נביר געזאָגט: מיין שטעקען שלאָגט ניט.

א פויער ביים צאָהן־דאָקטאָר.

א פויער איז געקומען צו א בעריהמטען צאָהן־דאָקטאָר מיט א קראַנקען צאָהן דער דאָקטאָר האָט איהם דעם צאָהן אויסגעריסען אין איין הרף עין און גאָר אָהן יסורים.

— א מאַלאָדיעץ! וויא איך בין א מענש — האָט דער פויער געזאָגט צו פריעדין און געפרעגט פיעל קומט איהם דער פאר?

דער דאָקטאָר האָט געענטפערט, דאָס פון רייכע נעהמט ער א גרויסע געצאָהלט און פון איהם וועט ער נעמען סך הכל א האַלב קערביל, אויב ס'איז פאר איהם צו שווער.

— א פיינער סך הכל: איהר לאַכט, צו וואס? דער רופא האָט מיר ניט לאַנג געריססען א צאָהן, האָט ער מיר אפשר א שעה אופ'ן זיינער ארום נעשלעפט איבער'ן גאַנצען הויף און פאר אזוי פיעל טרחה האָט ער נאָר גענומען איין צעהנער און איהר האָט נור א קאַלופע געטהון מיט'ן פינגער, ווילט איהר א האַלב קערביל.

געבליבען א נאַר.

א בעל הבית האָט ניט געקענט אויס האלטען פון דיא ווייסע חברה־ניקעס וואָס פלעגען צו איהם אין פענסטער וואַרפען קולקעס און שטיקער שניי. א מאָהל האָט עס איהם שטאַרק דערעסען, ער איז אויף דרויסען ארויס געלאָפען מיט א קאַנטשיק אין האַנד, האָט געחאַפט א יונגעל און גענומען איהם שמייסען.

חא, חא, חא! האָט זיך דאָס געשמיסענע יונגעל צו לאַכט.

וואָס לאַכסט דוא? האָט דער בעל הבית געפרעגט פערווינדערט.

בעט! איהר זענט געבליבען דער נאאר: דיא קולקעס און שטיקער שניי האָט געוואָרפען גאָר א'נ'אנדערער. ניט איך.

נערעכטיגקייט.

א יוד האט פערשפיעלט א משפט. ארויסגעהענדיג פון געריכט, האט ער זיך אבגעשטעלט אונטען נעבען דיא טרעפ, בעקוקען דאס מארמערנע בילד פון טהעמידא (דיא געטטין פון גערעכטיגקייט ביי דיא אמאליגע גריעכען), וועלכע איז דארטען געשטאנען.

— וואס איז דאס פאר א פיגור? האט ער נעפרעגט דיא פארבייגעהער.

— גערעכטיגקייט.

— אזוי! .... יעצט וואונדער איך זיך ניט וואס זיא איז אינוועניג ניטא!..

א קלוגע פרויא.

א מאן האט אויף געהערט ליעבען זיין ווייב, ווייל זיא האט געבוירען זיבען טעכטער און ניט איין זוהן. אקליינינקייט אהן א קדיש שטארבען! .... און אפשר וועט ער נאך דארפען דערפאר מגולגל ווערען?! .... בקיצור א גט!

— גוט, זאגט דאס ווייב, איך בין מסכים. קעהר מיר נור אום אלעס, וואס איך האב דיר געבראכט, חתונה האבענדיג מיט דיר.

— א, יא! ביז א סענט גיב איך דיר אוועק דיין נדן!

— ניין, מיין מאן, דאס איז גאר נישט — איך וויל, דוא זאלסט מיר אומקעהרען צוריק מיין מיידילשע שעהנקייט, מיין אמאהליגען כח, מיין יוגענד!.

דער מאן האט אראפגעלאזען דעם קאפף, געלעבט ווייטער מיט זיין קלוגע פרוי און געהאט א גוטע עלטער.

דער לעהרער מיט דיא תלמידים.

א לעהרער האט ערקלעהרט דיא תלמידים, וויא אזוי דער ערד-קוגעל איז פון וואסער און ערד, און כדי צו זעהן אויב זיי פארשטעהן, האט ער זיי א פרעג געטהון:

— וואס ווערט פון וואסער און ערד?

— א בלאטע, האבען דיא קינדער געענטפערט.

צו א בעליעבטע פריילין.

— וואס וואלט איהר, פריילין, געטהון, ווען דער מענש, וואס ליעבט אייך שטארק, זאגט עס אייך פריי ארויס?

— איך וואָלט יענעם אויס געפּאטשט.

— נאָט אייך זשע מיין באק.... נור פּאטשט ניט זייער שטאַרק.

דער נייער רב.

א נייער רב איז געקומען אין א שטעדטיל; ער האָט זיך געוואָלט בעקאַנ־נען מיט דיא בעלי הבית'ים, ער איז אריין אין א שטוב, וואו ס'האָט זיך געהערט א קריעג, און פרעגט, ווער איז דאָ דער בעל הבית?

— זעצט זיך צו, רבי, און ווארט אווייל, האָט געענטפערט א זקן: מיין זון און שנור זענען טאקע פּארנומען מיט דער פראגע.

דער דאָקטאר א שכור.

א בעריהמטער דאָקטאר איז געוועזען זעהר שכור, ווען מען איז געקומען נאָך איהם פון זעהר אַרייכער דאמע וועלכע איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרען, ער האָט זיך ניט געקאָנט אָבזאָגען און האָט געמוזט געהן. דיא קראַנקע איז געלעגען אין בעט. ער האָט זיא אנגענומען פארן פּולס. האָט ארויס גענומען דעם זייגער און גענומען צעהלען דיא קלעפּ פון פּולס ער האָט אבער מחמת שכרות קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן. ער האָט צוריק בעהאַלטען דעם זייגער און מיט אברוגעזדיגען טאָן אויף זיך אליין האָט ער אונטערגעבורט־שעט: „פע, שכור וויא לוט!“ ער האָט געהייסען דער קראַנקער בלייבען אין בעט און מאָרגען פריא וועט ער א צווייטען מאָל קומען, נור מאָרגען אין דער פריה בעקומט ער אזא בריף: „ליעבער דאָקטאר! איהר זייט גערעכט איך קען עס ניט אָבלייקענען.... איך האָב אזוי.... פון ראָסקאָש.... וויא נאָטמט איז אייך ליעב, איהר זאָלט קיינעם ניט ערצעהלען וויא איהר האָט מיך געכטען געפונען.... פאר אייער וויזיט האָט איהר דאָ א פינף און צוואָנציגער“.

ניט דארפען אנקומען צו דאָקטוירים.

צווישען דיא פּאפּיערען, וועלכע זיינען איבער געבליעבען פון זעהר אבער־ריהמטען דאָקטאר, האָט מאן געפונען אפערחתמטען קאָנווערט, אויף וועל־כען עס איז געוועזען אָנגעשריעבען: „דער איינציגער און בעסטער סוד פון דער מעדיצין“ אויפ'ן טארג פון זיין ביבליאָטהעק האָט מען דעם פּאקעט פערקויפט פאר 10,000 דאָלאר. אויף עפענדיג דעם קאָנווערט, האָט דער

קינדער נעמען אין איהם א גרויסען בויגען פאפיער, אויף וועלכען עס איז געשריבען אנגעשריבען מיט גרויסע אותיות״: האלט דיא קאפף אין קעלט, דעם מאגען ריין, דיא פיס אין ווארעמקייט, נעמט דאן קיין מאהל ניט דארפען אנקומען צו דאקטוירים.

א שני דער האט אויף גענעחט מיר א פראפעססאר זעהר שמאלע הויזען. דער פראפעססאר האט זיי ניט געוואלט צונעהמען.

— דאס איז נאך דער דיא לעצטע מאדע, האט געזאגט דער שניידער — מען קאן דאך ניט אבשטעהן פון דער גאנצער וועלט!

— אבער איך בעט אייך, האט געענטפערט דער פראפעססאר, וויא וועל איך זיך קענען נאכיאגען נאך דער וועלט אין שמאלע הויזען?!....

ער האט חרטה.

— פלאי פלאים איז דיא ליעבע, האט איינער געזאגט: אויף מארגען נאך דער חתונה האב איך געוואלט פון ליעבע אויף עססען מיין פרוי און היינט.... היינט האב איך שטארק חרטה, וואס איך האב עס דאמאלס ניט געטהון.

צוויי סוחרים.

צוויי סוחרים האבען זיך בעריהמט איינער פאר דעם אנדערען מיט זייער בריהשאפט און קאפף פערדרייענים.

— איך וועל דיך פערקויפען צעהן מאהל, איידער דוא מיך איין מאהל, האט איינער געזאגט.

— געווים, האט דער אנדערער געענטפערט, פאר דיר וועט מיר קיינער א גראשען ניט געבען.

א דאקטאר׳ס גלייך ווערטיל.

מיינע פריינד זענען דיא קענינס. האט א דאקטאר געהאט זיין שטענ־דיג ווארטיל. און אז מען האט ביי איהם געפרעגט וואס פאר א שייכות האט ער מיט זיי, האט ער געענטפערט, אז זיי סם׳ען ביי אללעמען דיא מאגענס און דער מיט פערשאפען זיי איהם פדיון.

א געוויסער דאָקטאָר האָט זיך אַמאָהל געלייגט פריש און געזונד שלאָ־פען און איז אַזוי איינגעשלאָפען אויף אייביג. איינער אַלין האָט אויף דער רויף געזאָגט „דער טוידט, אפנים, האָט פאַר איהם מורא געהאַט און איז צו איהם געקומען אין שלאָף.

א אנטוואָרט פון א אלטען דאָקטאר.

ביי א נייגציג יעהריגען דאָקטאר האָט מען א מאָהל געפרעגט, וואָס איז דיא סבה פון זיין לאַנג לעבען.

— דיא סבה איז גאָר א פשוט'ע, האָט דער דאָקטאר געענטפערט: איך האָב מיין גאַנץ לעבען געהאַט א גרויסע הכנסה פון רפואות און אַליין האָב איך זיי קיין מאָהל געברויכט.

אין גאַס.

פאַר וואָס פאַרקעמט איהר ניט אייערע האָאָר? זעהט וויא זייא זענען פולל מיט פעדערען און צוקאַסטרעט?

פאַרשטעהט איהר מיך איך בין לא עליכם אזא בעל חוב, אז דיא האָאָר אין קאָפּ זענען ניט מיינע, הייסט צו וואָס זאָל איך זיי פוצען.

א גרויסער אמת.

אין א געוויסער שטאָט ר. איז אַמאָהל געוועזען א גרויסע שריפה. פיעל יודען זענען געבליבען אומגליקליך געוואָרען. צווישען זיי איז אויך אָפּגעבּרענט געוואָרען א דאָרפסמאַן וועלכער איז ניט לאַנג אַריין אין שטאָדט און האָט מיט זיך געבראַכט שיינע עטליכע רוביל. אלע יודין האָבען מסתמא געגוג גע־וויינט און געקרעכצט, נאָר מעהר פון אללע האָט געוויינט דער דאָרפס־מאַן—

וואָס וויינט איהר אַזוי? „פרעגט איהם איינער ניט קיין מרה שחורה'ניק, ד' נתן וד' לקח, גאָטט האָט אייך געגעבען דאָס געלד און גאָטט האָט דאָס ביי אייך צוגענומען".

זאָל איך — קרייכצען ענפערט איהם דער דאָרפס־מאַן מיט פייער — זאָל איך אמיתה משונה איינגעהמען, אויב דאָ איז געוועזן אַיין פרעמד אפילו איין גראָשין, דאָס האָב איך דאָך אַלין געבראַכט פון דעם דאָרף.

אין וואגאן.

מיין הערר! שרייעט א דאמע אין וואגאן. זעהט וויא אזוי איהר לייגט אייער גלאז וואַרג אויף דער פאַליצע, עס וועט מיר נאָך פאַלען אין קאָפּ.

נישקאָשע מאדאם, בעאונרוהיגט זיך ניט, דאָרט איז קיין גלאָז ניטא, עס וועט זיך גאָר ניט צו ברעכען.

א קלוגע טאָכטער.

„מאמע! מאמע!“

וואָס איז דאָרט — מיין טאָכטער?

„א מויז איז אריינגעפאלען אין קריגעל מילך!

„נו — האָסט דוא זיא ארויס גענומען?

„ניין! איך האָב אהין אריין — געוואָרפען די קאַץ“.

נייגיערדיגקייט

„מאמע! פארוואָס איז ביים טאַטען ניטא קיין האָאָר אין קאָפּ?

— דאָס איז איבער דעם. וואָס ער קלעהרט אסך“

„נו — און וואָס איז ביי דיר אזוי פיעל האָאר אין קאָפּ“?

אך — טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! וואָס פאר א־נ־איינגעגעסענער דוא ביסט!

* *
*

די פרויען זיינען וויא דער שאָטען. יאָגסט דוא זיך נאָך זיי, אנטלויפען זיי, קוים קעהרסט זיך אָפּ פון זיי, יאָגען זיי זיך נאָך דיר.

די „ליעבע“ איז א מין עפּידעמישע קריינק אזוי וויא פּאָקען; כמעט אלע מענשען מוזען אויף זיך איבער טראָגען דיזע קריינק, אנדערע טראָגען איבער דיזע קריינק גרינג, האָבען א ביסעל היטץ, רעדען א ביסעל פון פייער און דער נאָך ווערען זיי פאלקאָמען געזונד און אנדערע מוטשען זיך לאנג אויף דיזער „ליעבע קריינק“ און נייען אָפּט ארויס מיט א געשטופּעלטען פּנים..

עס קען זיין אז מיט דער צייט וועט מען דערקלעהרען וויא אזוי צו שטעלען „ליעבע“ אזוי וויא מען שטעלט פּאָקען....

פון היינטיגע אפּיקורסים איז גאָר ניט אויס — צו האַלטען קלאָגט זיך א גרויסער עם־הארץ אמאָהל וויים איך פלעגט מען זאגען „בואי קלה בואי

קלה״ אלס מיט קופין און היינטיגע אפיקורסים מאכען דאס פארקעהרט, זיי זאגען נאהר „בואי חלה בואי חלה״ אלס מיט חית׳ן.

א ריכטיגע ברכה

איין רייכער אלטער מאן האט חתונה געהאט מיט א יונג ארעם מיידעל; צו דער חופה האט דעם מיידעלס פאטער זייביידען געבענשט: דער מיידעל האט ער געזאגט „פרו ורבו״ ווען ער האט געהאלטען דיא הענד אויף איהר קאפ, און דעם חתן האט ער געבענשט: ומלאו את הארץ:

א קלוגער אנטווארט

א יונגעל פון 8 יאהר האט געוויזען אין א געזעלשאפט וויא שארף זיין שכל איז. — דיא אלע קלוגע יונגליך — האט זיך איין עלטערער מענש אפ געררופען פון דער געזעלשאפט — ווערען אויף דער עלטער נארע׳ש.

— איהר זיינט אפנים יונגעל־וויים געווען זעהר אקלוגער, האט איהם דאס יונגעל גיענטפערט.

דער שכור

א שכור האט זיך אן געשפארט אין א הויז און איז געשטאנען ביז שפעט אין דער נאכט. דער נאכט־וועכטער איז צו איהם צו געגאנגען און איהם גע־פרעגט וואס שטעהט ער.

— דיא גאנצע שטאדט שטאדט דרעהט זיך ארום מיר, האט דער שכור זייא גי־ענטפערט, ווארט איך ביז וואנען מיין הויז וועט נעבען מיר פארביי געהן וועל איך אריין געהן אין מיין שטוב אריין.

אויף א אקשען האט מען פערקויפט ביכער, צווישען זייא איז איין בוך געווען א יודישעס, האט דער אקשענער ניט געוואוסט דעם נאמען פון דעם בוך.

— וואס ניט מען פאר דעם בוך — האט ער אויסגערופען — וואס דער אנהויב איז צום סוף?

א קלוגע כלה

א כלה האט פאר דער חופה זעהר געוויינט. וואס האסט דוא צו וויי־

נען? האט זיך דיא מוטער צו איהר אן גערופען — א מאן איז ניט קיין בער. וואס פעהלט מיר אז איך האב חתונה געהאט מיט דעם טאטען? עס איז מיר גאנץ גוט.

— האסט דוא דאך חתונה געהאט מיט דעם טאטען — האט דאס מיידעל געענטפערט — און איך האב חתונה נאר מיט א פרעמדען מאנסביל.

א בריעף מיט גרויסע אותיות

איינער האט געשריבען א בריעף מיט זעהר גרויסע אותיות. — מען האט איהם געפרעגט פאר וואס ער שרייבט מיט אזעלכע גרויסע אותיות? האט ער געענטפערט, צו דעם וואס איך שרייב דעם בריעף, איז א טויבער.

* * *

— דער רעגען איז ווערט אוצרות געלד. האט איינער געזאגט צום צווייטען, שטייענדיג אויף דעם גאנעק פון שטוב און קוקענדיג אויף דעם רעגען: איצט וועט אלץ ארויס פון דער ערד.

— זאל גאטט משמר און מציל זיין! האט דער צווייטער געענטפערט: איך האב דארט דרייא ווייבער.

א פאטער רעדט איין זיין זוהן, אז אויפשטעהן פריה איז זייער גוט און דערצעהלט איהם א מעשה, אז איינער, וואס האט געהאט א מנהג אויף שטעהן פריה, האט אמאהל פאר טאג געפונען א בייטעל מיט געלד.

— יא! ענטפערט דער זוהן, מסתמא איז דער וואס האט פארלוירען דאס געלד אויפגעשטאנען נאך פריהער.

א זקן, וואס האט ליעב געהאט דעם טרונק און געהאט א רויטע נאז פונ'ם בראנפען, זאגט אמאהל צו זיין אייניקעל, א יונגעלע פון א יאהר פיער:

— עסס, מיין נחת, מעהר ברוידט, פון ברוידט וועלען דיינע בעקעלעך זיין רויט.

— און דוא, זיידינקע, האסט געטווזט פיעל שמעקען ברוידט — האט דאס קינד געענטפערט תמ'עוואטע

— כפל ווייסט דוא שוין ? האט איינער געפרעגט ביי א קליינעם איננעל.

— יאַ.

— וויא פיעל איז איין מאָהל איינס ?

— אזוי וויים האלט איך נאך נים.

פרידריך דער גרויסער איז אמאָל קראַנק געווען און האט געהייסען זיין קאמער דינער, ער זאל איהם לייענען דיא נאכט־תפלה. ווען דער קאמער דיענער איז געקומען צום אָרט : זאל דיך גאטט באשירעמען און געבען דיר זיין ברכה האט ער געלייענט : גאטט זאל באשירמען און בענשען אייער קייזער ליבע מאיעסטעט.

— לייען ריכטיג, טרינעניכטס ! האט אויף איהם פרידריך א געשריי געטהן : ביי גאט בין איך אזא בשר ודם וויא דוא !

שיללער האט יונגערהייט ליעב געהאט שפיעלען אויף דער ארפע. דאס איז אבער נים געפעללען געווען זיינעם שכן.

— הערר שיללער, האט דער שכן געזאגט, איהר שפיעלט וויא דוד, אבער נים אזוי גוט.

און איהר, האט גיענטפערט שיללער, רעדט. וויא שלמה, אבער נים אזוי קלוג.

איין אונערטרעגליכער באַלבעטון (פלאַפלער) האט זיך א מאָהל געפונען אין איין געזעלשאפט מיט דעם באוואוסטען קאָמפּאָזיטאָר וועבער'ן. ווען וועבער איז ארויס פון צימער, האט דער באַלבעטון געזאגט.

— וואָס זאָל עס בעדייטען ? מיר האט מען געזאָגט, אז וועבער איז זייער א קלוגער מענש און ער האט אפילו איין מאָל דאָס מויל נים געעפענט.

א מעות, האט מען איהם געענטפערט — אין דער צייט, וואָס איהר האט גערעדט, האט וועבער אוודאי א מאָל צעהן געגעניצט.

— בעססער אלס א גלאָז ווײַן איז גאָר ניטאָ, האָט אַ מאָהל אײנער גע־זאָגט אין א געזעלשאַפט.

— און מיר דוכט, אַז אַ פלאַש ווײַן איז נאָך בעסער, האָט א צווייטער געענטפערט.

— וואס איז א קראַסאָוויצע?

— א גן עדן פאַר דיא אויגען, א גיהנם פאַר דער נשמה און א אומגליק פאַר דער קעשענע.

דער בעריהמטער געלעהרטער ניוטאָן האָט אַ מאָהל צום פריהשטיק גע־וואָלט (סמיאַטקע לויזע) אייער. דיא דינסט האָט אַריין געטראָגען אייער־געקאָכטעס וואַסער און דעם זייגער און זאָגט איהם, אַז א סמיאַטקע איי־דאַרף ליגען אין געקאָכטעס וואַסער דריי מינוט. דיא דינסט איז ארויס פון צימער.

אַז דיא דינסט איז אין אַצייט ארום אריין צוריק אין צימער „צו נעה־מען פון טיש“, האָט זיא איהם געטראָפען וויא ער האַלט אין האַנד דיא איי און דער זייגער איז געלעגען אין וואַסער.

אין א געזעלשאַפט איז געקומען צו רייד וועגען נאַררעשקייט. איינער האָט זיך דער היצט און געזאָגט: נאָך מיין מיינונג דאַרף מען דעם, וואָס זאָגט א נאַררעשקייט אויס פאַטשען דאָס פנים און דעם, וואָס שרייבט א נאַררעשקייט אויף הענגען אויף דער טהיר פון זיין אייגען הויז.

— און איהר מוזט ווינען אין שכנות, האָט איהם א צווייטער גיענטפערט מיט א שטאָך.

וואָלטער־סקאָטט האָט א מאָהל שפּאַצירט מיט זיינעם אבעקאַנטען. אויף דעם וועג האָבען זיי געטראָפען אַ־ן־אָרימאַן. וואָלטער האָט דיא האַנד אריין געררוקט אין קעשענע און האָט אבער קיין קליין געלד געפונען.

— נא דיר א צווײנילדערנעם, מײן פרײנד, האט ער געזאגט דעם ארימאן גור געדענק, אז דיא ביזט מיר שולדיג רעשט.

— זאל אײך מאקי גאט־ברוך־הוא בענשין דערפאר, האט דער ארימאן געענטפערט, און איהר זאלט דער לעבען ביז יענער צײט, ווען איך וועל אײך אומקעהרען דאס רעשט.

א שרײבער האט צו טהײלט אלע מענשען אויף דרײ קלאסען: דער ערשטער קלאס דײנקט, אז אלס איז אזוי, דער צווײטער געפינט, אז אלס איז נים אזוי, דעם דריטטען איז אלס אײנס: צו יא אזוי, צו נים אזוי.

— וויא רעכענסטו, מען קאן יודלען לײען געלד?

— וויא? יודלען לײען געלד! און אז דוא וועסט איהם אפילו געבען צום ברעכען, וועט ער דיר אומקעהרען?

— איהר באשולדיגט לײבקען, אז ער האט אײך בע׳גזלט? ווען איז עס געוועזן?

— בײא נאכט.

— דיא לבנה האט געשײנט?

— ס׳איז געווען אזוי פינסטער. אז אפײנ אונטער דער נאז וואלט מען נים געזעהן.

— אפשר איז ליכטיג געווען פון א שכנ׳עשע שטוב?

— אויף א מײל ארום איז קײן שטוב געווען.

— אויב אזוי פון וואנען שוע ווײסט איהר, אז לײבקע איז געווען דער גזלן?

— הערט איהר? ער האט מיר א ליאפע געטהון איבער׳ן קאפ, אז פונקען האבען זיך געשאטען פון מײנע אויגען און ס׳איז דער פון געווארען אזוי ליכטיג, אז מען האט געקאנט זעהן וויא ארײן ציהען א פאדים אין א נאדעל.

א שאנדע.

א עלטערע פרוי וועלכע האט דערזעהן איהר העבאם אין גאס, איז אריבער אויפ'ן אנדער זייט, אלס מען האט איהר געפרעגט דיא אורזאכע דערפון, האט זיא געענטפערט, עס איז מיר א שאנדע צו ווייזען מיינע אויגען פיר איהר ווייל איך האב איהר שוין א לאנגע צייט נים גע'ניצט.

דיא ערגסטע שטראף.

א מאן איז געווארען אנגעקלאגט פיר הייראטהען מיט צוויי פרויען, אלס עס איז פארגעקומען דער משפט, האבען דיא פרויען פערלאנגט פון ריכטער מען זאל איהם געבען דיא ערגסטע שטראף וואס קומט פיר אזא פער־ברעכען! דיא ערגסטע שטראף דארף איך איהם שוין נים געבען, ווייל ער האט דאס שוין אליין גענומען, מיט וואס? ווייל ער האט צוויי שוויגער האט דער ריכטער געענטפערט.

א טעות

א פרוי איז געגאנגען צו א צאהן־דאקטאר ארויסנעהמען א קראנקען צאהן, זיא האט אבער א טעות געהאט און אריין צו איין אדוואקאט וועל־כער האט געוואוינט נעבען דעם צאהן־דאקטאר, ווען דיא דינסט איז איהר ארויסגעקומען אנטקעגען, האט זיא געפרעגט צו דא וואוינט דער מאן וואס רייסט צייהנער?

— ניין מיין ליעבע פרוי, האט איהר דיא דיענסט געענטפערט — דא רייסט מען דיא הויט.

וויא אין גן ערן.

א בעל הבית האט זיך א מאל בעריהמט אז אין זיין הויז וואוינען דיא שכנים וויא אין א גן עדן.

— עס איז אמת האט איהם איינער געענטפערט, דיא ציטערען זייער פיא אייך וויא איינגע קברים אנג דיא שכנים פיהלען זיך וויא אויף יענער וועלט.

עס וועט קיין חברה קדישא ניט בלייבען.

אין א קליין שטעדטעל, איז געשטארבען איינער פון די דארטיגע חברה קדישא. מען האט איהם מטהר געווען, אנגעטהון זיינע אייבינגע קלייד־ דער, פלוצלינג האט דער „מת" זיך אויפגעכאפט, ער איז ניט געווען טויט, נור ער האט צו פיעל אריבער געכאפט די מאס אין טרינקען.
— וואס טהוט איהר מיט מיר?
— האט דער לעבעדיגער ברמת; אויסגערופען — אז מען וועט בעגראבען אלע שכורים וועט דאך בייא אונז קיין חברה קדישא ניט בלייבען.

ער האט מורא צו ווארטען.

— יונגער מאן! איהר געפעלט מיר זעהר, אבער איך דיינק אז מיין טאכטער איז נאך יונג צו הייראטהען. ווארט בעסער ביז זיא וועט עלטער ווערען און קריגען מעהר פערשטאנד.
— ניין, ביז דאן האב איך מורא צו ווארטען.

צוויא פערליעבטע.

זיא: מיין ליעבער מאקס איך וועל מיט דיר חתונה האבען, מיט דיר צוזאמען וועל איך זיין צופריעדען אפילו מיט ברויט און וואסער.
ער: זעהר גוט מיין ליעבע פעני, נו, איין זאך וועל איך מיט דיר אויסריידען אז וועגען ברויט זאלסטו זארגען און איך וועל שוין זארגען פאר וואסער.

דיענסט און ווירטהין.

דיענסט: איהר ווייסט מאדאם איך האב געוואגען די גרויסע געווינס.
ווירטהין: ווירקליך? איך ווינש דיר פון טיעפען הערצען גליק, איך בעדויער נור, וואס מיר וועלען זיך מוזען צו שיידען.
דיענסט: אויב איהר ווילט נור מאדאם קענען מיר ווייטער אויך בלייבען צוזאמען.
ווירטהין: וויא אזוי?
דיענסט: ווען איהר זאלט זיך שטעלען בייא מיר פאר א דינסט.

אין געריכט

ריכטער: וויא איז איך קיינע שאנדע צו ווערען א גנב צו ליעב איין תאלבען דאָלער?

גנב: איך שעהם מיך טאקע, נור איך שווער אייך, אז עס איז דאָרט מעהר ניט געווען וויא דער האלבער דאָלער.

ניט קיין הינגער

איין אָרעמאן איז אריין צו א גביר בעטען א נדבה, דער גביר האָט אָבער אויף איהם אָנגעשריען און געזאָגט — דאס צו קיין אורחים גיט ער ניט.

איך בין ניט קיין אורח, האט דער אָרעמאַן געענטפערט, איך בין א היגער א געבאָרענער.

אז דוא וואָלסט געווען א היגער, האָט איהם דער גביר געענטפערט וואָלסטו וויסען, דאס איך גיעב קיין נדבות ניט, ביסטו דאָך א אורח און צו קיין אורחים גיעב איך ניט.

בייא טאָג אויך

א שנאָרער איז אריין אין א געשעפט שפעט בייא נאכט בעטען א נדבה, אזוי שפעט בייא נאכט געהט איהר שנאָרען, האָט איהם דער ווירטה פערוואונדערט געפרעגט.

איך שנאָר בייא טאָג אויך, האָט איהם דער שנאָרער געענטפערט.

ניט געדונגען.

א מאן איז אריין אין א קליידער געשעפט קויפען א אנצוג. מען האט איהם געוויזען פערשיעדענע פון וועלכע ער האט איינעם אויסגעקליבען.

וויפיעל קאָסט דיעזער אנצוג האָט דער מאן געפרעגט, איהר דארפט אָבער וויסען אז איך וויל מיך ניט דינגען.

זעהר גוט האָט איהם דער בעל הבית פון געשעפט געענטפערט איך ליעב אזעלכע קונדען, איך פערשפאָר פיעל צו ריידען. אלזאָ איך וועל בייא אייך ניט בעטען 30 ניט 25 אויך ניט 20 דאָלער מיט 10 סענט נור גלייך 18 דאָלער.

דער מאן האָט נאָך א מאל בעקוקט דעם אנצוג און געזאגט איך

וועל זיך מאכי ניט דינגען, איך האב זיך פיינד צו דינגען; איך וועל אייך ניט זאָגען 15 ניט 10 נור טאקע 6 דאָלער, אקוראט 6.

מאך! פאק איין דעם אָנצוג פאר דיעזען העררן, האָט דער געשעפטס־מאַן געזאָגט צו זיין ארבייטער.

קיינער האָט זיך ניט בעקלאָגט.

א בעזוכער אין סינג סינג האָט געפרעגט דעם אויפזעהר, אויב דער טויט אויפ'ן עלעקטרישען טשער איז א לייכטער און פערשאַפט ניט קיין שמערצען.

— ביז יעצט האָט דער אויפזעהר געענטפערט — האָט זיך נאָך קיינער ניט בעקלאָגט.

דיא ווירטהין מיט איהר דינסט

א ווירטהין האָט אויסגעזאלצען צוויי פונט שמאלץ, און האָט אָנגעזאָגט איהר דינסט: איך לייג מיר צו א ביסעל שלאָפען, גיב אכטונג, אז דאס שמאלץ זאָל ניט פערשוואונדען ווערען, דער הונד וואָס האָט דער ווירטהינס צואה גוט געהערט, האָט גאָר קיין שהיות געמאכט און האָט דיא צוויי פונט שמאלץ גלייך פערטיג געמאכט.

אז דיא ווירטהין איז אויפגעשטאנען און האָט דיא שמאלץ ניט געפונען, האָט זיא דיא גאנצע תוכחה אויף דער ארעמער דיענסט אויס געגאָסען, דיא דינסט שרייט אז דאס האָט געוויס דיא קאַטץ דיא נאשערען אויף געגעסען.

מען האָט געכאפט דיא קאַטץ, און מען האָט זיא אָבגעוואויגען, פונקט צוויי פונט! שרייט דיא ווירטהין: נוא רעכט! דאס איז דיא שמאלץ, וואו איז דיא קאַטץ?

גוט געענטפערט.

א חזן וואָס איז געווען א למדן און דערצו א רייכער בעל־הבית, האָט א מאָל אין געזעלשאפט פון זיינע בעקאנטע, (דאָרט איז אויך געווען עטליכע פון זיינע שונאים) זיך בערימט: אז צווישען חזנים איז ער א חזן, צווישען לומדים איז ער א למדן, און צווישען עשירים איז ער א עושר.

— דארויף האָבען איהם זיינע שונאים געפרעגט „און צווישען זיינס".

— צווישען ווינט — האָט דער חזן געענטפערט — צווישען ווינט, בין איך היינט דעם ערשטען מאָל....

דער קלוגער רב.

א רב וועלכער איז ארומגעפאָהרען אין רוססלאנד פערקויפען א ספר וואס ער אליין האט פערפאסט, האט זיך צוזאמענגעטראָפען אויף איין אכסניא מיט א היינטוועלטיגען יונגען מאן א געגאלטען. דער יונגערמאנטשיק מיט דער גלאטע מאָרדע האט אנגעהויבען שפאסען פון אלטען רב און געזאָגט: „אח צו וואס דארף מען אייער ספר? ווייניג ספרים האבען מיר דען?"

— איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען — האָט דער רב געזאָגט — מיין טאטע, עליו השלום, ווען עס פלעגט איהם ארויספאלען א האאר פון באָרד פלעגט ער עס בעהאלטען אין א ספר. היינט וויפיעל ספרים דארף מען האבען פאר א באָרד וואס איז אין גאנצען אָבגעגאלט?

אדוואָקאט און קליענט

אדוואָקאט. נו וואס האָבען זיי געמאכט מיט איהר בעל חוב? שוין פערגלייכט?

קליענט. אך, ער וויל א סענט ניט געבען!

אדוואָקאט. וואס זאָגט ער, וואס איז געווען זיינע לעצטע ווערטען?

קליענט. „גייה צום טייפעל"!

אדוואָקאט. נו?

קליענט. בין איך געקומען צו אייך....

נאך דער חתונה.

זיא: וואס פאר א לעבען האסטו געבעך צו געבראכט אהן מיר?

ער: א גוטען און א ביליגען.

געשעפט אהן געלד.

— פריינד, אהן געלד איז גאר ניט צו מאכען.

איך, האָט איהם יענער געענטפערט, קען אהן געלד אויך מאכען געשעפטען.

— וואס צום ביישפיעל?

— שולדען....

נים פערשטאנען

דאָקטאָר. אייערע פרוי געפעלט מיר עפּעס נים אזוי, צייט אײנע טאג. מאן. און מיר געפעלט זיא נים באלד פון ערשטען טאג נאך דער חתונה.

נאך דער האָכצייט

— ביסט עפּעס גליקליך געווען צו ליעבע?

— זעהר אונגליקליך: מיין ערשטע ליעבע איז געשטאָרבען, מיין צווייטע האָט חתונה געהאַט פאַר איין אנדערן און דיא דריטע....

— נו?

— דיא דריטע ביזט דוא מיין ווייב......

זיא איז בייא איהם טהייער

וואס מאכסט דוא דינה? וויא געהט דאס דיר? ביסט דוא צו פריעדען מיט דיין מאן? האלט ער דיר בכבוד? ליעבט ער דיך? — האָט דינה'ן געפרעגט איהרער איין אלטער שכן. — אָט אזוי אפילו איז ער צו מיר גאנץ קאלט בלומהיג, נור פון דעסט וועגען בין איך בייא איהם דאך טהייער, איך האב אליין געהערט וויא ער האָט געזאָגט צו זיינעם א גוטען פריינד: ווען מיין ווייב וואָלט היינט געשטאָרבען, וואָלט איך געגעבען צוויי פויזענד דאָלער קבורה געלד.

אַ טעות געמאַכט

דער געלעהרטער בישאף מאָנסיע ד'אָנוג איז איינמאָל געקומען בעזר בען דיא קראנקע מארקיזע דעקארט און זיטצענדיג אויף א שטוהל בייא איהר בעט איז איהם ארויסגעפאלען פון האנד זיין געבעט בוך. ער האָט זיך איינגעבויגען און אויפגעהויבען אנשטאט דעם בוך דיא מארקיזע'ס א פאנטאָפעל. וועלכען ער האָט אריינגערוקט אין קעשענע. ער איז דאן געקר מען אין דער קירכע אונד ארויף אויפ'ן אלטאר אבריכטען דיא צערמאָניעס. דיא ערשטוינונג פון אלע אנוועזענדע איז געווען זעהר גרויס אלס זיי דערזעהן אז דער בישאף שלעפט ארויס פון קעשענע אנשטאט דער געבעט-בוך א פרויען פאנטאָפעל.

ער דערקענט זיך ניט

א דייטש איז איינמאל נעקומען אין א אידישער אכסניא אין א רוסישער שטאדט. אלע צימערען זיינען שוין געווען פערנומען און דער דייטש האט זיך נעמוזט צופריעדען שטעלען צו שלאפען אין איין צימער מיט א מאנאך. פארזאגענדיג אז מען זאל איהם אויף מארגען אויפוועקען גאנץ פריה, אום ער זאל קענען נעהמען דעם ערשטען צוג, האט זיך דער דייטש גענלייגט שלאפען.

אויף מארגען האט א דיענער אנגעקלאפט אין טהיר:

„שטעהען זיא אויף! עס איזט שאהן שפעט!“ עס איז נאך געווען פינסטער און דער דייטש האט זיך שנעל אנגעטהון און איז אוועקגעלאפען צום באהנהאף. ער איז געקומען נאך מיט איינינע מינוטען בעפאר דערצייט אבציעהענדיג קוים דעם אטהעם האט ער א קוק געטהון אין שפיעגעל אין ווארטסצימער. וויא ערשטוינט איז ער געווארען ווען ער האט דערזעהן, אז ער האט אין דער איילע אנגעטהון דיא קליידער פון מאנאך.

„דער דומער יודע! — האט ער אויסגערופען — ער האט אויפגעוועקט דעם מאנאך אנשטאט מיך!

מיסעס און פעדלער.

מיסעס: נעהט, נעהט! איך דארף גאר נישט. מען ווערט אויסגעריסען פון דיא שנארערס, פעדלער ארויס, פעדלער אריין.

פעדלער: ענטשולדיגט מיר מיסעס, איך האב אייך געוואלט בלויז צייגען א נייעם מיטטעל געגען רויטהע האאר, זומער שפרינקלאך אויף'ן געזיכט און פרישצעז אויפ'ן נאז. גוד באי!

געמאכט א מיסטייק.

א יונגער מאן איז אריינגעקומען אין א בארבער שאפ און איסט בראדוויי און אנגעשריבען אויף א שטיקעל פאפיער „איך וויל א שייוו“.

— ער איז שטום וויא א פגר! — האט איין בארבער געזאגט צום צווייטען, ווערענד ער האט אנגעהויבען שייווען דעם קאסטימער.

ער איז טויב וויא דיא וואנט — האט דער צווייטער אויסגערופען.

— ער האט א מארדע וויא האלץ.

— ער האט קעטשישע אויגען.

— ער האָט איינעלשע אויערען.

— טויב וויא א טשאָלענטאָפּ.

דיא בארבערס האָבען געלאַכט און געוויצעלט זיך איבער דעם יונגען מאַן דיא גאַנצע צייט וואס מען האָט איהם געשייווט. ווען דער טויב שטומער איז אויפגעשטאַנען פון טשער האָט ער א פרעג געטהון:

— וויפיעל קומט אייך פאַר׳ן שייוו מיט דיא קאָמפּלימענטען?

— ענטשולדיגט — האָט דער בארבער אנגעהויבען צו שטאַמלען — נעווער מיינד, קומט אריין א צווייטען מאָהל, ענטשולדיגט, מיר האָבען געמאַכט א מיסטייק.

איינער וועלכער איז געווען ארעסטירט פאַר מאַכען פאַלשע געלד, האָט זיך פערטהיידיגט, אַז ער איז געצוואונגען געווען צו מאַכען דיא פאַלשע געלד, ווייל אָמת׳ע געלד איז דאָ זעהר ווייניג.

ער: איך קען קיין נייעם סעט פאַרניטשור ניט קויפען. מיינע געשעפטען טראָגען עס יעצט ניט.

זיא: איך ווייס עס גאַנץ גוט, אָבער איך וויל בלויז צייגען אונזער שכנה, אַז מיר קענען בעשטעהן צו ספּענדען געלד אזוי וויא זיא.

ווען א יאפּאַנעזער פרויא נעהמט קויפען א קלייד מח זיא זאָגען וויא אלט זיא איז און אויב פערהייראטה, ווייל פיר יעדען עלטער איז דאָ א בעזונדער פאַסאָן, פערהייראטהע פרויען טראָגען ניט דיא זעלבע קליידער וואָס זיי טראָגען מיידעלוויז. דער רעזולטאט איז, אַז יעדע פרוי אין יאפּאַן זעהט אויס וויא געמארקט מיט א לייבעל און מען ווייס דיא יאָהרען פון יעדע פרוי וואָס מען באגעגענט אין גאַסס.

מען האָט איינמאָהל אָנגעזאָגט איין אפּיקורס אַז מען האָט איהם דיינגעלייגט אין „חי״. דער אפּיקורס האָט דאַרויף געענטפערט: איך האָב

האב זייא אין „מ“. דיא מעשה איז אלט דאך בלייבט זיא איטמער נייא.

נעפרעגט איין עצה.

א יונגער מאן איז געקומען צו א לאיער אין איסט בראדוויי און גע־פרעגט איין עצה, אויב ער קאן אנקלאגען דעם מאן פון זיין מיסעס, ביי וועלכע ער שטעהט באארד, פאר דעם וואס ער האט פון איהם אבגערעדט דיא מיסעס.

א דאקטאר האט זיך אמאל בעקלאגט אז מעדיצינישע פראפעסיאן, טראצדעם וואס זיא האט אזוי פיעל נעדיענט דער מענשהייט, האט דאך בעקומען ווייניג אנערקענונג. זעהר ווייניג מאנומענטען האט מען געשטעלט נאך בעריהמטע דאקטוירים.

— אה, דאקטאר, — האט איהם איינער געענטפערט — נים נור א קוק אויף אונזערע סעמעטערים. יעדע מצבה איז א מאנומענט נאך א דאקטאר.

דיא ענטשולדיגונג.

מאדאם בלום א הוט פאבריקאנט האט זיך צוקריגט מיט דיא פרוי פון זיין פארטנער מאדאם נאלד, אונד ער האט איהר גערופען „קלאטשע“, דיא מאדאם האט דעם הוט פאבריקאנט פערקלאגט און דער ריכטער האט איהם פעראורטהיילט צו צאהלען 25 דאלער שטראף אונד ער זאל דיא בע־ליידיגטע פרויא בעטען אום ענטשולדיגונג. בלום צאהלט דאס געלד און פרעגט דעם ריכטער גאנץ קאלטבלוטיג:

„דאס הייסט אלזא, אז א מאדאם טאר מען נים רופען קלאטשע?“

„איהר זיים דאך דאפיר פעראורטהיילט געווארען, ווארום פרעגט איהר נאך“? בייזערט זיך דער ריכטער.

„איך וויל אבער וויסען אויב מען מעג א קלאטשע רופען מאדאם“.

„דאס מעגט איהר וויא פיעל איהר ווילט“.

„אלזא“, ווענדעט זיך בלום צו דיא קלעגערין. „איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, מאדאם“.

ערשטער: ווי אזוי איז דאס געקומען אז דו האסט זיך צוקריגט מיט דיין פרוי?

צווייטער: איבער א קוסס.

ערשטער: א קוסס זאל פיהרען צו א קריעג, דאס איז טאקי א וואונדער.

צווייטער: זיא האט מיך געבאפט קוסענדיג אונזער קעכין.

א אדוואקאט מיט א דאקטאר האבען זיך געאמפערט וועמעס פראפעסיע איז עלטער.

— מיין פראפעסיע — זאגט דער אדוואקאט — הייבט זיך אן כמעט גלייך פון בריאת העולם, קין האט געהרג'עט הבלין — האט האסט דוא שוין איין אונגעלאכטע פראצעס.

— און מיינע האט גענעמטערט דער דאקטאר, הייבט זיך טאקע גלייך אן פון בריאת העולם. חוה'ן האט גאט באשאפען פון ריפפ, וואס ער האט אויסגעשניטען פון אדם'ען — און האט האסט דוא א חירורגישע אפעראציע.

אויף א טערק, וואס איז א מאהל ווינטער דורך געפארען דאס קאלטע לאנד נארוועגיע איז אנגעפאלען א גאנצע כמאַרע הינד און האבען איהם שיער נים צוריסען. ער האט זיך איינגעבויגען און געוואלט חאפען א שטיין, נור דער שטיין איז געוועזען צו געפרורען צו דער ערד און ער האט איהם נים געקאנט אפ רייסען.

— וואס פאר א משונה'דיג לאנד נארוועגיע איז — האט דער טערק דער צעהלט ביי זיך אין דעם ווארמען פאטער לאנד: — הינד געהן דארט ארום פריי און שטיינער האלט מען צוגעבינדען.

די פראנצויזישע האפדאמעס האבען זיך געפארבט און געפודערט און האבען אויסגעוויזען, ווי געמאהלטע ליאלקעס. א מאהל איז ביים פראנצא-

וישען קיסר געווען א טירקישער קאנזול. דער קיסר פרעגט איהם, וויא געפעללען איהם דיא האפדאמעס?

— איך בין — האט געענטפערט דער קאנזול: — אויף מאלערי קיין מבין נים.

— אלע חכמים און פיליזאפען זענען ארויס פון גריכען לאנד האט זיך באריהמט א יונגער גריך.

— דאריבער טאקע האט זיך דארט אפילו איינער נים אבגעשטעלט.

— לייט מיר 20 רובעל, איך בעט אייך, האט איין יונגער הערר געזאגט צום צווייטען.

— איך האב נים דיא עהרע אייך צו קאנען!

— דאריבער האב איך זיך געוואנדערט צו אייך, ווייל דיא וואס קאנען מיר, ווילען מיר נים לייען.

א פעריל און א פיש.

ביים טיש צו מיטטאג האבען געסט דערצעהלט וואונדערליכע מעשות וועגען דעם, וויא אפט טרעפט, אז מען געפינט ביי פיש אינעווייניג פעריל און אנדערע טהייערע חפצים.

— הערט א מעשה, וואס מיט מיר אליין האט געטראפען — האט זיך אן גערופען א'נ'אלטער מאן, וואס האט רוהיג אויסגעהערט אלע מעשות — בחור'ווייז בין איך געווען א'נ'אגענט אין איינע פון דיא רייכסטע היעגע פאבריקען; איך האב זיך דאמאלס, וויא ס'פיהרט זיך געוועהנליך ביי יונגע לייט, פארליעבט אין א יונגע פריילין און האב מיט איהר געמאכט תנאים. גראדע האט זיך געמאכט אז מיין ווירט שיקט מיך אוועק פון דאנען מכח געשעפט. ביים געזעגנען זיך מיט דער כלה האבען מיר איינער דעם אנדערן פארשפראכען שרייבען אפטע בריעף. איך האב זיך גע'אלט זאמען נים לאנג. נור דאס געשעפט האט מיך אבגעהאלטען אביסעל לענגער. ענדליך, אז איך האב דאס געשעפט אבגעפטר'ט האב איך פאר מיין אברייזען פון דארט גע־קויפט פאר דער כלה א מתנה, א רינג מיט א גרויסען ברילליאנט און בין אהן א נשמה געפלויגען אהיים צו דער כלה. אריין פאהרענדיג אין שטאדט האב איך זיך פאר געשטעלט, וואס פאר א פרייליכע באגעגעניש מיך ענט־

וואַרטעט ביי דער כלה, וואָס פאַר א שמחה דאָרט וועט זיין.... אויף דעם וועג קויף איך א בלאַט צייטונג און נעהם דער ווייל לייענען. פלוצים דערזעה איך א מודעה, אז מיין כלה האָט חתונה מיט א צווייטען. פון כעס האַפּ איך דעם רינג און טהו א שליידער אין ים. אין א צייט ארום איז מיר אויס געקומען א מאָהל צו מיטטאָגען אין א האָטעל. מען האָט דערלאַנגט פיש, איך נעהם עסטען און פלוצים דערפיהל איך אויף דיא ציין א הארטע זאך.... וואָס, רעכענט איהר, איז עס געוועזן?

— דער רינג מיט דעם ברילליאַנט! האָבען אלע מיט שמחה אויס געשריגען.

— ניין; דאָס איז געוועזן א ביין פון פיש.

דער בעריהמטער ניוטאָן האָט א מאָהל צו זיך אויף מיטטאָג פאַררופען א בעקאַנטען און טאַקע תיכף ומיד פאַרגעסען אָן דעם. דער בעקאַנטער איז געקומען צו דער צייט און האָט געטראָפען ניוטאָנען זייער פערטראַכט; ער האָט איהם ניט געוואָלט שטערען און האָט זיך שטיל געזעצט צום טיש. דערווייל האָט מען פאַר ניוטאָנען געבראַכט זיין מיטאָג. דער בעקאַנטער האָט גערעכענט, אז דער מיטאָג איז פאַר איהם און האָט זיך גענומען צום עסען. אין א צייט ארום, אז ניוטאָן האָט זיך וויא ערוואַכט פון זיין פאַרטראַכטקייט, האָט ער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דיא פוסטע טעלער און געזאָגט: אז איך וואָלט ניט געהאַט אזוינע אותות ומופתים פאַר דיא אויגען, וואָלט איך געוועזן גרייט שווערען, אז איך האָב נאָך היינט ניט געמיטטאָגט.

דער בעריהמטער געלעהרטער קענניקאָט האָט זעהר ליעב געהאַט פייגען. נעבען שטוב, וויא ער האָט זיך באַשעפטיגט האָט געוואַקסט א פייגען בוים. איין זומער איז אויף דעם גאַנצען בוים געוועזן, נור איין פייג, דער פאַר אָבער איז זיא געוועזן זייער גרויס. קענניקאָט פלעגט אלע טאָג געהן ארום בוים און באַטראַכטען דיא פייג און כדי צו פאַרהיטען איהר פון א פרעמדע האַנד, האָט ער צו איהר צו געקלעבט א צעטיל מיט דער אויפשריפט: קענניקאָטס פייג.

אויף מארטין האט ער שוין די פיינ נים געשאנען און אויף איהר ארט איז געהאנגען א צעטיל מיט דער אויפשריפט: „א פיינ קענגי־קאטיף.

דער גאסט (לייענענדיג דעם רעכנונג ויינעם פון גאסטהויז). זאגט נור קעלנער, האט דא ביי אייך אין גאסטהויז פיליכט „שיללער" געגעסען בעפאר ער האט געשריעבען „די רויבער"?....

*

די כלה מויד: אונפארשעמטער מענש! דער חתן האט דאך איין פוס א קורצען.

דער שדכן: חלילה דער פוס זיינער איז נים קורץ, נור דער צווייטער איז אביסעל צו לאנג....

*

פיל מאל זוכט דער מענש א זאך וואס ער אליין האלט עס אין. זיינע הענד......

*

„קרובים" זיינען נים אלע מאל פריינדע, נור פריינדע זיינען אלע מאל קרובים.

*

ווער עס יאגט זיך נאך גליקק. דער אנטלויפט פון צופרידענהייט....

*

די גוטע מענשען לערנען פון די שלעכטע, מעהר ווי די שלעכטע פון די גוטע....

*

דער זעלבער שטורם ווינד וואס לעשט אויס א קליינעם פייער — בלאזט אויף א גרויסען פלאם....

*

עס גיבט פראגען, וואס מיט די אקסלען איז בעססער צו אנטווארטען ווי מיט דעם מויל....

*

— איך קאן ניט שלאפען, וואס טהוט מען ?

— לייג דעם קאפף אויפ'ן קישען וועסט קאנען שלאפען.

וואס הייסט, וואו דען לייג איך מיין קאפף ?

דיין קאפף לייגסט דוא אויף שמארשטיק....!

*

— ביי אייך שטארבען פיעל מענשען.

— ניין ! ביי אונז זיינען פאראן נור צוויי דאקטורים.

*

דיא אינסטיטוטקע (דאס ערשטע מאהל אין קיך). מוטער ! איך וועל אין יעדער איי מאכען א לעכעל וועל איך קאנען זעהען וויא זיי קאכען און ווען זיי וועלן פערטיג ווערן.

*

דער גאסט (לייגט צו זיין נאז צו דער גאנז און זאגט) אך מיין גאטט ווא האט אנגערוך !

קעלנער : האלט אייער נאז אביסעל ווייטער וועט איהר ניט פיכען....

*

דער נייער מאדנער אריסטאקראט : שוין באלד פייערטאגע. דער שנייר דער האט מיר נאך ניט געבראכט מיינע נייע קליידער. איך וועל אפילו ניט האבען וואס צו פארמשכונ'ען. איך בלייב צו יום טוב אהן אנראשען !

*

דער פראנט : זאל איך קויפען אראק פאר 20 אדער 40 דאלער ?

— וויא פיעל געלד האסטו ?

— קיין סענד, איך נעהם עס אויף בארג.

— אויב אזוי, איז גלייכער פאר 40 דאלער.

*

דאס 5 יאהריגעס מעדכען : מאמע אונזער שמואל וועט זיין אדירעקטאר באנק :

— וויא זא קאנסט דוא דאס וויסען ? ער איז דאך יעטצט איין האלב יאהר אלט.

ווייל ער האט א פליך אין קאפף וויא אונזער דירעקטאר.

עס גיבט ביכער דיא מען קויפט אָבער נימ לעזט, מאנכע לעזט מען אָבער נימ קויפט מען. אויך אזעלכע וואָס מען קויפט נימ און מע'לעזט נימ, נור מען — שרייבט זייא —.

*

מאנכע סודות וואָלט מען קיין מאָל נימ ערפאהרען ווען זיי זאָלען קיינע סודות זיין....

*

ביי א גרויסען איבערראשונג פליהען ענטוועדער פעטש, אדער קיסע, אָדער טרערען....

*

דער ריכטער (שופט). ווארום האָסט דוא אין דער פאָליציי נימ געמאָלט אז דוא האָסט געפונען א בייטעל געלד?

— עס וואר שפעט ביי נאכט.

— און אויף מאָרגען?

— אויף מאָרגען וואר שוין מעהר קיין געלד אין בייטעל....

*

שוין צוואָנציג יאהר האָב איך איך נימ געזעהען איהר זייט גאָר נימ אָלטער געוואָרען!

— ווייל איך לעב גאָר נימ.....

*

דעם שדכן'ס הויז: צו ערשט לויפט ער ארום ביז ער בעקאָמט דיא פלאץ.... נאכהער פיהרט ער צוזאמען א וואנד מיט א וואנד; לסוף לאָזט זיך אויס א בוידעם....

*

דריי נעמען האָט א מעדכען נאָך איהר חתונה: 1) „פרוי". ווען דער מאן איז מיט איהר פרייליך.... 2) „ווייב" — ווען דעם מאן טהוט וויי.... 3) „געמאָהלין" אז זיא מאָהלט איהר פנים מיט פאַרב....

*

א גנב איז א מאָל אין אסטראָג געזעסען איינער אַליין אין א צימ ער. ער האָט געגנב'ט פון זיין שטרוי קישעלע א ביסעל שטרוי און האָט זיך אומגעקוקט אזוי וויא ער וואָלט מורא האָבען מ'זאָל נימ זעהען, ער האָט דיא שטרוי בעהאַלטען אין זיין קעשענע און האָט געזאָגט: אז איך האָב נימ קיינע

בעסערע ערטער וואו צו גנב'נען, וועל איך האטש גנבנען פון מיין איינענעם קישען אום די מלאכה נים צו פארגעסען.

*

די הינער זיינען אויך נים נאר אתשולדיגע בעשעפנים, זיי טהון אלע מאל להכעים: ווען אייער איז טהייער לייגען זיי נים, נר דווקא ווען עס איז ביליג....

*

די: וואהין נעהסט דוא?

— ער: א קלוגע פרויא פרעגט נים איהר מאן וואהין ער נעהט.

— זיא: אבער א קלוגער מאן דארף יא פרעגען זיין פרויא וואהין זיא נעהט?

— ער: א מיין קינד! א קלוגער מאן האט נאר קיין פרויא נים....

*

א חזן האט א מאל פערלאנגט פון זיינע גבאים אז זיי זאלען איהם העכער'ן שכירות. האבען איהם די גבאים געפרעגט: ווארום קומט עס אייך? איהר הערט דען, נים די געלעכטער וויא דער עולם לאכט פון אייך וויא איהר שטעלט אייך נור ביי דעם עמוד.

— אט טאקי דאריבער אליין — האט דער חזן געענטפערט — וויל איך האב אזעלכע בזיונות, וויל איך האטש דאס מ'זאל מיר דאפיר גוט בעצאהלען, האב איך נים קיין כבוד וויל איך לכל הפחות האבען געלד.

נים פון איינע יאהרען און דאך פון איין עלטער.

א פערציג יעהרינער מאן האט חתונה געהאט מים א מיידעל פון צוואנציג יאהר. און אלס מען האט מים איהם א מאל גערעדט פון דער אונגלייכקיים פון זייערע יאהרען, האט ער געענטפערט: „ווען זיא גיט א קוק אויף מיר ווערט זיא מיט צעהן יאהר עלטער, און אז איך קוק אויף איהר ווער איך מיט צעהן יאהר יונגער — אט זיינען מיר ביידע פון איין עלטער“.

ווער האט חובות צו צאהלען.

— פאר וואס וואשט דוא דיך נישט מיט מים אחרונים? ווייסט נישט אז מים ראשונים זיינען א רשות און מים אחרונים איז א חוב?

— נעה נארר! ווער האט היינט חובות צו צאהלען?

א ריכטיגער חשבון.

ווען דוא ווילסט וויסען אויף ריכטיג דיא יאָהרען פון א פרוי, זאָלסט דוא איהר פרעגען, וויא אלט זיא איז און וויא אלט איהר פריינדין איז, און צו רעכנען דיא העלפט יאָהרען פון איהר פריינדין צו איהרע יאָהרען, און וויפיעל עס קומט אויס צוזאמען, זאָ איז דער ריכטיגער חשבון פון איהרע יאָהרען.

פערזיכערט.

— דיין מאַן איז אזוי קראַנק, און דוא ביסט נאָך פרעהליך; וויא שעמסט דוא דיך נים?

— וואָס רעדסט דוא, ער איז דאָך פערזיכערט אין לעבענס פערזיכערונג....

אין געריכט

ריכטער. רעדט נישט פיעל, דיא לעצטע ווערטען אייערע וואָס איז? בעשולדיגער. איך וואָלט וועלען איהר זאָלט זיין אויף מיין שטעלע און איך אויף אייערע.

איך א קרענק.

א פרוי פאלענד אין גאסס, און האָט א חאנד צערבראָכען. אין זיא אריין אין ערשטען הויז וואו עס איז א שילד געוועזען, מיט'ן אויפשריפט „דאָקטאָר", און געבעטען ביי איהם רעטונג.

— איך בין קיין דאָקטאָר מעדיציני, נור א דאָקטאָר פילאָזאָפיע, האָט זיך דער דאָקטאָר פארענטפערט.

— פילאָזאָפיע? האָט די פרויא פערוואונדער נאָכגערעדט און ערענסט געפרעגט: וואָס איז דאָס, ליעבער הערר דאָקטאָר, פילאָזאָפיע פאר א מין קרענק?!

הרטה!

— ניעבסט דוא ווירקליך נישט דיין ווייב קיין מאָל קיין געשאנק?

— ניין.... נור איין מאָל אין מיין לעבען האבע איך איהר יאָ געגעבען טהוט מיר נאָך ביז היינט באנג !....

— וויא זאָ דען?

— אַ קידושין פינגערל אונטער דער חופּה....!

ביים קראנקען.

דאָקטאָר. דוא זאָלסט דריי מאָל טעגליך איינגעהמען דיא פּראָשקעס אָבער גאָר נישט עסען!

קראנקער. איך וועל דאָך פון הונגער שטאַרבען.

דאָקטאָר. דאָס מאַכט נישט....

דער מלוה. (צום בעל חוב) איך פרעג אייך נאָך צום לעצטען מאָל: ווען וועט איהר מיר מיין חוב בעצאָהלען?

דער לוה. (פרעהליך) צום לעצטען מאָל! גלויבט איז גאָטט! אָ, וויא גליקליך בין איך, אז איך וועל שוין סוף כל סוף פון אייערע וויזיטען פּטור ווערען.

אַ קליינער אונטערשיעד.

צווישען אַ נדבה און אַ מתנה איז דער קליינער אונטערשיעד: אז דאָס לעצטע גיט מען אום יענעם צו זיך מקרב צו זיין און דאָס ערשטע—אום פון יענעם פּטור צו ווערען.

אַ פראנצויזישער קאָראָלי האָט בעזוכט דעם פּויפּס ליעוו דעם 10טען, האָט ער זיך זעהר פאַרוואונדערט אויף דעם שיינעם פּאלאַץ וואָס דער פּויפּס איז געזעסען און אויף זיין רייכען מעבעל. האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהם געזאָגט: „אין דער וועלט געשיכטע זעהען מיר אז אלע נביאים און גאָטליכע מענשען האָבען געלעבט זעהר אָרום און פּראָסט“? — „אמת טאַקי“ האָט דער פּויפּס געענטפערט — „נאָר דאס איז אבער נאָר געווען אין דיא צייטען ווען קעניגען האָבען שאָף געפּאַסעט“.—

איין אלטער חכם האט זיין זון נעהייסען בריינגען פרוכט פון א נעווי־סען שטארקען בוים, און זאגט איהם: „צוברעך דיא פרוכט", ער צוברעכט, „וואס זעהסט דוא אינווייניג"? — עטליכע קערנדליך — „צו ברעך א קערענדעל" — ער צוברעכט, — „וואס זעהסט דוא יעצט אינווייניג? — „גאר ניט".— „שוטה איינער" זאגט דער אלטער חכם: אט דארט וויא דוא זעהסט גאר ניט, דארט ליגט דיא גאנצע קראפט פון דעם שטארקען בוים".

וואס האט דער אלטער חכם געמיינט דער מיט? וויל איך מיינע לעזער זאלען אליין טרעפען.—

א בעל עגלה וועלכער פלעגט שטענדיג ארום פאהרען מיט'ן טאלנער רבין ר' דוד ז"ל האט זיך אמאל ערלויבט איהם פרעגען: „רבי! נאך וואס דארפען קומען צוויי משיח'ס: משיח בן יוסף און משיח בן דוד, איינער וועט דען ניט קאנען אויסלייזען דיא יודען"?

האט איהם דער רבי געענטפערט אומגעטראכט: „מיר מוזען האבען צוויי משיח'ס, איינער זאל אונז אויסלייזען פונעם גלות און דער צווייטער פון דיא בעלי עגלות.

דער בעריסטער שרייבער „היינע" בריינגט א שיינע סאטירע וועלכען איינער האט פערקלאגט אין סוד פאר א טאפ, און האט געטענעט: איך האב איהם אנטליהען א גאנצען טאפ און ער האט מיר אבגעגעבען א צו בראכענעם. האט דער יוד געענטפערט: איך האב דריי טענות א קעגען: איין מאל האב איך ביי דיר קיין טאפ ניט גענומען, און צווייטען איז ער געוועזען צו בראכען נאך איידער איך האב איהם גענומען. און דריטען, בעת איך האב דיר איהם אב געגעבען איז ער געוועזען גאנץ, וואס זשע האסט דוא צו מיר? —

א גענעראל האט געפרעגט ר' יונתן פראגער: פאר וואס זיינען יודען אזוינע גדלנים, זייערע עלטערען איז אנגעשטאנען רייטען אויף עזלען, און זיי פארען נאר מיט פערד? האט איהם ר' יונתן געענטפערט: דאס איז ניט פאר

גדלות נאר פאר עניוות, ווארים פון זינט דיא עזלען זענען חשוב און גרויס גע־וואָרען, האבען מיר אנגעהויבען פארען אויף פערד.

א שניידער האָט זיך א מאל בערימט אז זיין זיידע איז געווען א גרויר־סער מאן. — מיט וואס? פרעגט איהם דער צווייטער, ענטפערט ער: ווארים ער האט געקאנט זיצענדיג אויף דער באנק דערלאנגען א ברויט פון דער פאָליצע.

איינעם א חכם איז אָנגעקומען א בריעף אז זיין פאָטער איז גע־שטאָרבען. האָט ער איבער געלעזט דעם בריף און זאָגט: עס איז א ליגען. פאר וואָס? פרעגט איהם זיין פרוי, ווארום, ענפערט ער, עס איז ניט מיין טאטענס כתב.—

א פרוי האָט א מאָל געזאָגט צו איהר מאן וועלכער איז שטענדיג גע־ווען פערטיפט אין ספרים: „איך וואָלט א בעלן געווען אויך זיין א ספר וואלסט דוא אויף מיר אויך געקוקט טאָג און נאכט" — „יא" — ענטפערט דער מאן — „איך וואָלט עס אויך א בעלן געווען, נאָר ווייסט דוא וואָסער א ספר איך וואלט געוואָלט? — וואָסערן? — א יאהר לוח" — וואס איז עפעס נאר א יאהר לוח? —

— פערשטייסט דוא — ווייל א יאהר לוח דארף מען אלע יאהר בייטען.

מען דערציילט אז אין סדום איז געווען א מנהג, אז עס איז געקומען איין אורח האט מען איהם גענייט ער זאָל עפעס דער ציילען. אויב ער האט דערציילט אין אֶמת האט מען איהם געדארפט, לויט זייער געזעץ, הרגע־נען, און אויב עס איז געוועזען א ליגען האָט מען איהם געדארפט הייננגען. איין מאל איז צו זיי געקומען א קלוגער מענש און מיט זיין קלוגשאפט, האט ער זיי געזאגט אזא זאך וואס מען האט איהם, לויט זייער געזעץ, גאר ניט גע־קאנט מהון. וואס האט ער זיי געזאגט? —

ער האט זיי געזאגט: „היינט וועט מען מיך אויף הייננען". נאך די ווערטער האט מען איהם שוין גאר ניט געקאנט טהון. ווארים, אז מען וועט איהם הייננען וועלען זיך זיינע רייד זיין אמת. און פאר א אמת קומט דאך איהם ניט הייננען נאר הארגענען. און אויב מען וועט איהם הארגענען, וועלען דאך זיינע רייד זיין פאלש און פאר א ליגען קומט דאך איהם הייננען.

א פראצענטניק וועלכער האט קיין קינדער ניט געהאט, האט אפ גע־שריבען זיין פערמעגען זיינעם א פריינד, אז ער האט שוין גענארפט שטאר־בען האט ער צו איהם געזאגט: „אויב דוא וועסט מיר געבען א גוטען דיס־קאנט וועל איך דיר תכף סילוקען דאס געלט".

איין ארעמאן איז ארום געגאנגען אין הייזער נאך נדבות און האט אר־מעטהום געזאגט אז ער איז א נשרף. האט איינער געפרעגט: „האסט דוא עפעס א כתב פון א רב אז דיא ביזט באמת א נשרף"? האט דער ארע־מאן געענטפערט: יאה איך האב געהאט א כתב נאר עס איז פערברענט געווארען ־עת דער שרפה.

א שדכן האט גערעדט א שדוך איין ארעמאן, זאגט ער איהם: איך האב פון דיינעטוועגען א פרוי מיט אלע מעלות היינו. רייך, שיין, קלוג א: ז. וו. נאר איין חסרון האט זיא וואס זיא ווערט איין מאל אין דריי יאהר משוגע אויף א קורצער צייט. „גוט", — האט דער חתן געענטפערט. — אויב אויף א קורצער צייט מאכט ניט אויס מעגסט אפילו באלד רעדען מיט איהר — „נייען" האט דער שדכן געענטפערט יעצט קאן איך מיט איהר ניט ריידען פון דיר, איך מוז ווארטען ביז זיא וועט משוגע ווערען אויב ניט וועט זיא מיך מיט א שטעקען ארויס טרייבען.

איינער פלעגט מורא האָבען זאָגען חד גדיא פסח באַנאַכט, האָט איהם זיין פרויא געפרעגט: „פאַר וואָס זאָלסט דוא ניט זאָגען חד גדיא אזוי ווי אַלע יודען? — „פערשטייסט דוא“ — האָט ער געענטפערט — אַ ציגעלע וועלכעס מען פערקויפט אום האלבע נאַכט פאַר צוויי גילדען איז דאָס געוויס אַ געגאַנבעטע.

אַן איין דאָרף האָבען זיך פערזאַמעלט צעהן רבנים אויף צו דאַווענען במנין. נאָר אַז מען האָט שוין געוואָלט אָנהייבען דאַווענען איז ניט געווען ווער עס זאָל דאַווענען פער'ן עמוד, אַ פלא ניטאָ אַ וואָרט עברי ביי קיינעם. פלוצלים האָט זיך אריין געיאָוועט אַ בעל עגלה, האָבען איהם אַלע ארום געשטעלט און זאָגען איהם: „דוא מוזט דאַ דאַווענען פאַר'ן עמוד“ האָט דער בעל עגלה געענפערט.— צום בעדויערען קאַן איך קיין עברי ניט ווייל מיין פאָטער האָט מיך אויך געוואָלט אין דער יוגענד מאַכען פאַר אַ רב.

אַ מגיד האָט אַ מאָל געדרשעט ראשי תיבות, זאָגט ער: גוף מאַכט: געוואַלד וואָס פרעסט דוא, געוואַלד וואָס פאַוסט דוא, אין דעם מאָמענט קומט אריין דער גאון „בעל שאגת אריה“ רופט ער זיך אָן גוף מאַכט: געוואַלד וואָס פלוידערסט דוא.—

אַ פרוי האָט געפרעגט אַ מאַן: „ביז וואַנען איז אָדם הראשון געזעסען אין גן־עדן“? — „ביז ער האָט בעקומען אַ פרוי“— האָט ער געענפערט.

אַ רביצין האָט געפרעגט איהר מאַן און זאָגט איהם: דוא ביזט דאָך אַ בעל רוח הקודש זאָג מיר אויס ווען וועל איך שטאַרבען? האָט דער רבי געענטפערט אַ וואַסער אַ יאָהר און וואַסער אַ טאָג קאַן איך דיר ניט זאָגען נאָר איין זאַך וויס איך אַז דיא וועסט שטאַרבען ערב יו"ט. — זאָג זשע מיר פאַר וואָס נאָר ערב יו"ט? — ווייל דעם צווייטען טאָג פון דיין שטאַרבען וועט ביי מיר זיין יו"ט.

א גוטע עצה.

אין קייפטאָון איז צו איין אדוואָקאט געקומען א יונגע פרוי און ער־צעהלט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, אז זיא אונד איהר שוועסטער גע־פינען זיך דאָ אויף דער דורכרייזע אין אַ האָטעל. זיי האָבעןביידע קליינע האַלביעהריגע בייבים, וועלכע זיינען אזוי עהנליך איינע צו דיא אנדערע, אז זעלבסט דיא מוטערס קענען זיי ניט דערקענען און צו קענען אונטערשיידען איין קינד פון דעם אנדערען האָט מען זיי געקליידעט אין פערשיעדענע אַנ־צינע. היינט פריה איז געשעהען איין אונגליק; דיא דיענסטמעדכען האָבען געבאדען ביידע קינדער און יעצט ווייס מען ניט וועלכע פון זיי געהערט צו דער ריכטיגער מוטער. דער אדוואָקאט האָט א ווילע געטראַכט, דאן רופט ער זיך אָב: בערוהיגט זיך, מאדאם, פיליכט זיינען דיא קינדער גאָר ניט פערביטען. אָה, ניין, איך ווייס געוויס אז זיי זיינען פערביטען! רופט אויס דיא פרוי אין פערצווייפעלטע אויפרעגונג, אויב איהר ווייסט עס געוויס ענטפערט ער, דאן איז דאָך גאַנץ איינפאך דיא זאך אין אָרדנונג צו ברענגען; בייט זיך אָב צוריק מיט דיא קינדער.

##ווירקליכע ליעבע.

א יונגע מיידעל איז ארומגעגאנגען שפאַציערען אין איהר פאטערס גארטען א מאן האָט זיא געזעהן און אין איהר זיך גלייך פערליעבט. ער איז איהר נאָכ־געגאנגען.

— ווארום געהט איהר מיר נאָך? — האָט זיא איהם געפרעגט.

— ווייל איך ליעב אייך — האָט ער געענטפערט.

— און ווארום ליעבט איהר מיך — האָט זיא געפרעגט — מיין שוועסטער וועלכע געהט דאָרט ווייטער איז נאָך שעהנער פון מיר. געהט פערליעבט זיך אין איהר, אנשטאט אין מיר.

דער מאן האָט זיא געפאָלגט און איז אוועק. אָבער דיא אנדערע שוועס־טער איז געוועזען אלט און מיאוס. ער איז געוואָרען ענטטוישט און איז צוריק געקומען צו דער ערשטער און זיא געפרעגט:

— ווארום האָט איהר מיך אָבגענארט?

— און זיא האָט געענטפערט:

— איהר האָט מיך אויך אָבגענארט. ווען איהר וואָלט מיך ווירקליך ליעבען וואָלט איהר ניט געגאנגען זוכען א שעהנערע.

———

— איהר זאָלט אָבער וויסען — האָט א פרויא געזאָגט צו א יונגען מאַן וועלכער האָט זיך געשדכ'ענט צו איהר טאָכטער — אז מיין עני איז ערצויגען געוואָרען אין דעם שוים פון איבערפלוס.

— נעווער מיינד — האָט דער יונגער מאַן געענטפערט — זיא וועט זיך געוואוינען צו מיין שוים אויך.

———

א מענשענס וויססענשאַפט דאַרף מען ניט אורטהיילען נאָך דיא זאַכען וועלכע ער וויים, נור נאָך דיא זאַכען אויף וועלכע ער זאָגט „איך ווייס ניט".

———

ווען א בחור געפינט אוים א מיידעל וועלכע איז נאָך זיין מיינונג ווערט אַלע גוטע זאַכען פון דער וועלט, דאַן בעט ער זיא זאָל איהם געהמען.

———

א מאַן איז ניט לאַנג אומגעוואָרפען געוואָרען פון א קאַר, ווען א פאָליסמאַן האָט איהם געפרעגט אויב ער איז פערלעצט, האָט ער געענטפערט: איך וויים נים. איך מוז פריהער זיך זעהן מיט א לאָיער.

———

אין א קליינע קאַנטרי שטעדטעל איז ערוועהלט געוואָרען א גרויסער ביזנעס מ ן אלס סיטי מעיר. דיא שטאָדט האָט געלאָזט אויסבויען איין ארקע, דורך וועלכע דער מעיר האָט געזאָלט דורכפאָהרען. פון דער ארקע איז געהאנגען א גרויסע קרוין געמאַכט פון טהייערע בלומען און אונטען א גרויסע פּלאַקאַרדע „ער האָט עס פערדינט". בעפאָר דער מעיר מיט זיינע מאַרטשערס זיינען אָהין אָנגעקומען האָט יעמאַנד צוגענומען דיא קרוין פון דיא בלומען און בלויז איבערגעלאָזט דיא לאַנגע שטריק אויף וועלכע דיא קרוין איז געהאנגען און צו דיא שטריק דיא פּלאַקאַרדע מיט דיא ווערטער „ער האָט עס פערדיענט".

———

פאטער. דוא ווייסט יענקעלע וואָס איז א נשמה ?
קינד. א נשמה איז א בעל עגלה.
פאטער. וויא פאלסט דוא אויס זא וואָס צו זאָגען ?
קינד. ווייל איך האָב געהערט, וויא דיא מאמא רופט בערל דעם בעל עגלה, ווען זיא קושט איהם מיין נשמה.

זיא. וועה איז מיר! דוא הערסט מיין מאן? מיר שיינט, אז א גנב קריכט צו אונז — ער קאן דיך בדלות שטעלען.
ער. איך וועל זעהער צופריעדען זיין, דען מיין גאנץ פערמעגען ביזט דוא מיין גאָלד.

דינסטמעדכען. נוא הערר דאָקטאָר, וואָס מאכט מיין מיסיס ?
דאָקטאָר. איך האָב פאר אייער מאדאם ליידער קיין מיטעל.
דינסטמעדכען. וועה איז מיר פארוואָס ?
דאָקטאָר. דערפאר וואס זיא איז געזינדער פון מיר.

קינד. פאפא מאקס קוסט אונזער ליזען.
פאטער. דאס איז קיין זינדע מיין קינד, דען זיי זיינען חתן כלה ?
קינד. ביזט דוא פאפא מיט אונזער קעכין אויך חתן כלה ?

הערר. (צו וואהלטהעטער) עדלער הערר איך בין געקומען פון אייך בעטען הילף פאר אנ'אונגליקליכע פאמיליע. וועלכע האט שאָן פאר דרייא מאָנאטען קיין רענט בעצאהלט און אויב זיי וועלען ביז מאָרגען דאס רענט נים ארייננראָגען, וועלען זיי אלע מיט זייערע בעביעס ליגען אין דער גאַס.
וואָהלטהעטער. ווער זיים איהר ?
הערר. איך בין מאקי דער לענדלאָר ביי וועלכען זיי וואהנען.

פרויא. הערר דאָקטאָר איך גלויב אז מיין מאן איז פערריקט.
דאָקטאָר. ווארום דענקט איהר אזוי ?
פרויא. ער האלט אין איין שרייען אז איך בין א משוגענע.
דאָקטאָר. זיים רוהיג מיסיס ער איז ביי זיין בעסטען פערשטאנד.

דיענסט. איך פערשטעה גוט, בעל־הבית'טע, וויא שטארק ליעב האט איך אייער חתן.
ווירטהין. און וואס פערשטעהסט דוא דאס?
דיענסט. ווען אייער נגעדינגער חתן ליעבט מיך, וואס איך בין אייער דיענסט, הייגט וויא ליעבט ער שוין אייך, וואס איהר זייט מיין ווירטהין.

מוטער. (צום קינד) בעוויז מיין קינד דער מוהמע דיין צונג, דען זיא איז א דאקטארין.
קינד. וויא זאל איך דאס טהון?
מוטער. מאך א לאנגע צונג.
קינד. אפשר זאל איך איהר מאכען א לאנגע נאז?

לעהרער. זאג מאקסעל וואו האט קין ערמארדעט זיין ברודער הבל?
מאקסעל. אין חומש אין דער סדרה בראשית.

קינד. (צייגענד אויף אנ'אקס) מאמא דאס איז דער פאפא?
מוטער. נאריש קינד, דאס איז דאך אנ'אקס.
קינד. נוא דוא זאגסט דאך אלע מאל, אז דער פאפא איז אנ'אקס.

ווירטהין. איך האב דאך דיר אנגעזאגט דוא זאלסט דיינע חתנים מעהר אין מיין קיך ניט פיהרען.
דיענסטמעדכען. נוא שא שרייט ניט אזוי, איך וועל זיי שוין ווייטער פיהרען אין אייער זאאל.

ערשטער מוזשיק. וויא אזוי לויפט דאס דער באהן אהן פערד.
צווייטער מוזשיק. ער לויפט וויל ער איז פול מיט פארע (דאמפף).
ערשטער מוזשיק. פאר וואס זשע לויפט אונזער באד ניט אוועק זיא איז דאך אויך אלע מאל פול מיט פארע.

ווירטהין. וועמען בעדארפט איהר דא?
יונגער מאן. איך וויל א ביסעל פערברייגגען מיט אייער דינסט, מיין כלה.

ווירטהין. זיא קאן מיט אייך יעצט ניט פערברייננגען. זעהט איהר ניט וויא דיא וויינט, דען איהר פאטער איז געשטארבען.

יונגער מאן. אבער אייער פאטער לעבט דאך. פיעלייכט קאנט איהר מיט מיר א ביסעל פערברייננגען.

בערל. ערקלער מיר איך בעט דיך, וואס איז דאס אזוינס קאפיטאל און ארבייט.

שמערל. איך וועל דאס דיר ערקלעהרען ווען צום ביישפיעל איך לייה ביי דיר הונדערט דאלאר ווייסט דוא אז דאס איז קאפיטאל ?

בערל. יא איך וויים, אז הונדערט דאללאר איז א קאפיטאל. וואס זשע איז ארבייט ?

שמערל. אויפמאנען ביי מיר דיא הונדערט דאלאר וועט זיין דיא שווער-סטע ארבייט.

בערל. ווער איז געוועזן דער ערשטער משרת ?

שמערל. שכם בן חמור. ווייל ער האט זייער ליעב געהאט דינען (דינה בת יעקב).

זרח. וויא מיר שיינט ביזט דוא פון דיין שוויגער זעהר צופריעדען, דען איך זעה זיא הייננען ביי דיר אויפן וואנד.

ברוך. איך וואלט נאך מעהר צופריעדען געוועזן ווען דוא זאלסט זיא זעהן הייננען אויף א בוים.

בעטלער. ליעבער הערר שענקט א נדבה.

ווירטה. ווייסט איהר דען ניט, אז דא אין נוארק איז ניט ערלויבט געהען איבער דיא הייזער.

בעטלער. נוא טא קומט מיט מיר ארויס אין דער גאס וועל איך ביי אייך דארט בעטען א נדבה.

מאן. ווארום ביזטו אזוי מיאוס, מיין ווייב ?

פרויא. גאנץ איינפאך, ווייל איך בין נישט איך !

מאן. וויא הייסט דאס ?

פרויא. ווען מיין מאמע האט מיך צו דער אמם אוועקגעגעבען, האט מיך דיא לעצטע פערביטען.

פרויא. טהייערער מאן, מיר טהוט זעהער וועה דיא ציין, פיעלייכט ווייסט דוא א רפואה צו זייא?

מאן. יא, מיין לעבען! נעהם איין אביסעל אלקאהאל, וועט דיר אויפהער־רען וועה צו טהון.

פרויא. סטייטש, וויא אזוי קאן מאן איינגעהמען אלקאהאל? איינגעהמען איז דאך גאר א מיתה משונה?

מאן. פון מיינט וועגען קענסט דוא דאס אויך איינגעהמען....

אלטע קאקעטע. וועה געשריען א מאל זיינען עפעס דיא מענער פיעל העפליכער געוועזן.

הערר. דאס איז דערפאר, וואס אמאל זייט איהר פיעל יונגער און שענער געוועזן.

דאקטאר. איהר האט געמוזט א טעות האבען איך בין א דאקטאר פון פרויענקריינק.

פאציענט. אויף אזא קריינק לייד איך טאקי, דען איך האב גרויסע שמערצען פון מיין פרוי.

סאלדאט. הערר הויפטמאן, איך בעט אייך דריי טאגע אורלויב.

הויפטמאן. וואצו ברויכט איהר אורלויב?

סאלדאט. מיינע מאנטע ליעגט אם שטערבען.

הויפטמאן. אלרייט איהר קאנט צו איהר פאהרען, אבער דאס זאג איך אייך, דאס ווען אייער מאנטע וועט נאך דיא דרייא טעג נים זיין געשטאר־בען, שיק איך אייך אויף צוויי וואכען אין ארעסט.

— אזוי פריינד? דיינע אבצעהניעהריגע ניכטע איז דורך דיא פערהייראַ־טונג מיט דיין פיפ?יניעהריגען ברודער אויך דיין שווענעריין געווארען. אלזא וויא רופסט דוא איהר יעצט, ניכטע אדער שווענעריין?

— יעצט רוף איך איהר: מיינע פערניכטעטע שווענערין.

דאָקטאָר. איך גלויב, אז היינטע געהט בייא אייך דער הוסט א ביסעל לייכטער....

פאציענט. איך דענק אויך אזוי, איך האָב דאָך א גאַנצע נאַכט גע־פּרעקטיסט.

חייקעל. פון וואַנען איז גערדרונגען, אז דאָס אידישע פאָלק ליענט מעהר אין דיא ערד וויא אנדערע פעלקער?

מייקעל. דאָס שטעהט דאָך בפירוש אין פסוק: „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ“.

חייקעל. גיעב מיר שוין א מאָהל אפּ דיא 10 דאָלער וואָס איך האָב דיר געליהען?

מייקעל. היינטע איז קורץ פרייטאג, צאָהל איך קיין חובות נים,

חייקעל. ביזט דוא משוגע? וויא קומט היינט קורץ פרייטאג, עס איז דאָך נאָך פסח.

מייקעל. בהמה! וואָס פערשטייסט דוא נים, היינטע איז פרייטאָג און איך בין קורץ אין געלד.

חייקעל. וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען חנוכה ליכט און א שלעב־טער פרויא?

מייקעל. חנכה ליכט מוז מען אנצינדען און זיי ברענען נור איין מאָל אין יאָהר, און א שלעכטע וייב צינדט זיך אליין און און פלאַקערט א גאַנץ יאָהר.

*

חייקעל. זאָג מיר נור מייקעל קריין, אפשר ווייסט דוא וויא אזוי מאַכט מאַן א האַרמאַט?

מייקעל. דאָס איז א פשוטער שכל מיא נעהמט א לאָך און מיא בעגיעסט זיא פון אלע זייטען מיט בליי, ווערט דערפון א האַרמאַט.

חייקעל. וואו זשע נעהמט מאַן אזוי פיעל לעכער?

מייקעל. דאָס איז אַ קליינינקייט, מיא נעהמט אַ ביינעל און מיא עסט איהם אויף, בלייבט דאָך איבער דיא לאָך.

חייקעל. אַ ווא אַ ווא! איך שטעל מיך פאר וויפיעל מיליאָנען ביינעל דיא הארמאַטען פאַבריקאַנטען עססען אויף.

חייקעל. וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען לונגען בעאַמטע און פאַפיער?

מייקעל. גאָר פשוט. לונגען בעאַמטע מאַכט מען דורך דיא פייפעו׳ס און פייפערס מאַכט מען פון לונגען.

חייקעל. פאר וואָס זעצט מען דעם חתן אייבענאַן אין ווינקעל?

מייקעל. ווייל אַ חתן קוקט נאָר אויפ׳ן קרן (ווינקעל).

חייקעל. פאר וואָס איז מען אין כעס אויף אַנ׳אַלטען מאַן, ווען ער האָט חתונה מיט אַ בתולה?

מייקעל. ווייל אזא אַלטער איז נעגליבען צו אַ הינד, וואָס שטעהט נעבען אַ וואָגען הייא: ער עסט אַליין ניט, און לאָזט דעם צווייטען זיך צו איהם ניט צוריהרען.

חייקעל. ווארום זאָגט מען, אז מיט׳ן אמת קען מען גיך צו גאָט קומען?

מייקעל. ביים אמת גיסט מען, און אין גיסן איז גוט צו שטארבען.

חייקעל. ביזט דוא נאָך היינט אויך בעפריינדעט מיט פייטלען?

מייקעל. ניין, דען ער איז אַ פאַלשער מענש. מיר האָבען ביידע גע־ליעבט איין מעדכען, און דער סוף איז געווען, אז איך האָב גענומען מיט איהר חתונה האָבען.

חייקעל. וואָס זאָגסט דוא, איך בעט דיך, צו דיא צרות, וואָס איך האָב פון מיין ווייב, וויא זיא ווערט אויף מיר אין כעס, ווייזט זיא מיר באַלד איהר געוועזענעם מאַנס בילד.

מייקעל. ביי מיר איז נאך ערגער. ווען מיין ווייב ווערט אויף מיר אין בעס, בעוויזט זיא מיר דאס בילד פון איהר קינפטיגען מאן.

חייקעל. וויא געפעהלט דיר מיין נייגעבארענער זאהן?
מייקעל. ער איז פונקט אין דיר געראטען.
חייקעל. דוכט זיך, ער איז צו מיר גאר ניט עהנליך.
מייקעל. ער איז פונקט וויא דוא, דען ער האט אויך ניט קיין האאר און קיין ציין, אזוי וויא דוא.

חייקעל. זאג נור, מייקעל, איז דאס אנ'אמת וואס מען זאגט, אז עס דינען פאראן הינד, וועלכע קענען א מענשען פון גרעסטען אונגליק רעטען?
מייקעל. געוויס איז דאס אנ'אמת. ביי מיר אליין האט אזא געשיכטע געטראפען, איך בין אמאל געוועזען אין א נויט. מיר האט אויסגעפעהלט פשוט אויף ברויט, האב איך פערקויפט מיין הינד פאר דריי דאלאר און בין אויף אפאר טעג פון גרויס נויט געהאלפען געווארען.

חייקעל. ערקלעהר מיר, מייקעל, וויא אזוי קענסט דוא דא לעבען, וועה-רענד דיין ווייב איז אין דיא בעדער, איך האב, דאך אימער געהערט, וויא דוא פלעגסט זיא רופען „מיין נשמה“.
מייקעל. איך האב דאס געמיינט מיין נשמה יתירה.

חייקעל. איז דאס וואהר, מייקעל, אז אונזער פריינד טרייטעל איז משוגע געווארען?
מייקעל. יא, דאס איז אמת.
חייקעל. איז דאס אויך וואהר, אז ער האט חתונה געהאט?
מייקעל. ניין, אזוי ווייט משוגע איז ער נאך ניט.

חייקעל. פאר וואס ווערט דער שטן מבולבול בשעת שופר בלאזען.
מייקעל. ווייל אלע ווייבער גייען הערען שופר.

חייקעל. זעהסט דוא מייקעל דעם שילד, וואס הייננט אויף יענעם

הויז, „דא האָט געוואוינט דער פּראָפעסאָר פּיפּערנאָטער״ ווען דוא ווערסט שטאַרבען וועט מאַן אויף דיין הויז אויף א שילד אויסהייננען.

מייקעל. וואָס וועט שטעהען אויף דעם שילד.

חייקעל. „דאָס הויז איז צו פּערענטען״.

חייקעל. ווען איך דערזעה דיך דערמאהן איך מיך וויא ריכטיג דאָס ווערטעל איז, אז דער וואָס האָט געלד דער האָט אויך שכל.

מייקעל. איך האָב דאָך אָבער קיין געלד.

חייקעל. הערסט דוא דאס מיין איך טאַקי.

חייקעל. דוא האָסט געהערט מייקעל, פון מיין אונגליק?

מייקעל. וואָס?

חייקעל. מיין פרויא איז געוואָרען משוגע אויף מאָרגען נאָך דער חתונה.

מייקעל. און איך האָב זיא נאָך געהאלטען פאר משוגע צו דיינע תנאים.

חייקעל. פאַר וואָס ווילסט דוא מייקעל, נעמען פאַר דיין טאָכטער נור א לערנער און נים קיין בעל מלאכה?

מייקעל. ווייל א בעל מלאָכה, ווען ער ווערט אין כעס אויף דיא ווייב, אין ער א שניידער ווארפט ער אין קאָפּף דיא שער. א שוסטער דעם קאָר פּול און ז. וו.

חייקעל. און א לערנער קען דאָך איהר ווארפען א גמרא אין קאָפּ.

מייקעל. נעה דוא שוטה ווען האלט דאָס א לערנער נאָך דער חתונה א גמרא.

חייקעל. פאַר וואָס טראָגסט דוא, מייקעל, א טיכעל אום שבת?

מייקעל. פאַר וואָס זשע טראָגסט דוא אום שבת.

חייקעל. ווער? איך? וואָס טראָג איך דען?

מייקעל. א פערדעשען קאָפּ אויף זיך.

חייקעל. זאָג מיר נור מייקעל, פאַר וואָס טראָגען דיא ליידעס אין אמער ריקא זייערע פּאַקעט ביכער אין דיא הענט?

מייקעל. זיי ציינען דאס זיי זיינען ניט קיין גרינע.
חייקעל. וויא אזוי ?
מייקעל. זיי ווייזען, אז זיי זענען שוין בא געלט.

חייקעל. זאג מיר מייקעל, וואס פאר א מתנה זאל איך שיקען מיין כלה ויא זאל זיין צו פריעדען ?
מייקעל. שיק איהר אפ דיא תנאים.

חייקעל. פון וואנען קומסט דוא יעצט מייקעל ?
מייקעל. פון אנ'אויסשטעלונג.
חייקעל. וואס פאר אנ'אויסשטעלונג ?
מייקעל. דער לענדלארד האט ארויסגעשטעלט מיינע כלי בית, אויפ'ן סטריט.

חייקעל. פאר וואס ווערסט דוא מייקעל, ניט א שדכן ?
מייקעל. וייל א שדכן בעדארף קענען זאגען ליעגענס, און איך קען ניט.
חייקעל. שוטה! אט דאס אליין וואס דוא זאגסט, אז דוא קענסט קיין ליגען זאגען איז דער גרעסטער ליגען.

חייקעל. וואס טהוט מאן ברודער וואס פון טאג צו טאג ווער איך אלץ מעהר בעל חוב.

מייקעל. דוא ביזט פריינד גליקליך וואס דוא קאנסט קריכען אין חובות, מיר וויל שוין קיינער ניט בארגען.

חייקעל. איך זאג דיר, אז דא איז טאקע א עולם הפוך (א פערקעהרטע וועלט).
מייקעל. פון וואנען נעהמסט דוא דאס ?
חייקעל. איך וויים, אז אין יוראפ ווען א פרויא געהט מיט איהר מאן שפאצירען, האלט זיא איהם צו ביי דער האנד און דא האלט ער זיא גאר צו.

מייקעל. דאָס איז אַ פשוטער שכל: אין יוראָפּ, האַלט דיא פרויא צו דעם מאַן, כדי ער זאָל נים אַנטלויפען קיין אַמעריקא און דאָ האַלט ער זיא צו, כדי זיא זאָל נים אַנטלויפען מיט דעם באָרדער.

חייקעל. איך זעה דאָך אָבער, אַז אַלע גערען אַזוי, קען דאָך זיין, אַז איי־נע האַלט דאָך נאָר צו דער באָרדער.

מייקעל. וואָס פערשטעהסט דוא דאָ נים? דער באָרדער האָט שוין פאַר איהר אויך מורא, זיא זאָל נים אַנטלויפען מיט אַ צווייטען באָרדער.

חייקעל. גיעב מיר אַב מזל טוב, דען איך האָב דיא וואָך חתונה גע־האָט.

מייקעל. מיר קומט נאָך אַ גרעסערער מזל טוב, דען איך האָב מיך דיא וואָך געגעט מיט מיין ווייב.

חייקעל. האָסט דוא געטראָפען מיט דיין ווייב?

מייקעל. זעהר גוט געטראָפען.

חייקעל. נוא און וואָס איז דיין שוויגער פאַר אַ מענש?

מייקעל. זיא הערט נאָר דיא וועלט נים.

חייקעל. אַזאַ שלעכטע איז זיא?

מייקעל. ניין, זיא איז טויב.

חייקעל. וויא געפעלט דיר דיא חוצפה פון מיין באָרדער, ער האָט מיר היינט צוויי פעטש געגעבען?

מייקעל. נוא און דוא האָסט געשוויגען?

חייקעל. ניין! איך האָב דיא גאַנצע נאַכט פון גרויס וועהטאָג געשריען.

חייקעל. וועלכע פרויא ווערט ניך יונג פון אַלט?

מייקעל. אַנ'אַלטע מויד ווען זיא האָט חתונה ווערט זיא אַ יונג ווייבעל.

חייקעל. (טרעפט מייקלען, אום תשעה באָב עססענדיג פלייש) אפיקורס! אום תשעה באָב עסט דוא פלייש?

מייקעל. (וויינענדיג) נאך ניט גענוג, וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארען, זאל איך נאך קיין פלייש אויך ניט עסען?

חייקעל. וואס טהוט א פרומער יוד צום סדר ווען ער האט קיין מרור?

מייקעל. ער ציינט אן אויף זיין ווייב און זאגט! מרור זו.

חייקעל. ווארום שליסט מאן צו די א טהיר ווען מען הויבט אן זאגען די הגדה?

מייקעל. וויל פון אנהייב זאגט מען דאך כל דכפין ייתו וייכול.

חייקעל. וואס איז דער אונטערשיעד פון איין שוחט ביז א מוהל.

מייקעל. דאס איז א פשוטה זאך, א שוחט שניידט פון אויבען און א מוהל פון אונטען.

חייקעל. וואס פאר נייעס האט דיר דיין ווייב געבראכט פון דער אל־טער היימאט?

מייקעל. א קינד, פון וועלכען איך ווייס ניט.

חייקעל. זאג מיר מייקעל, דוא ביזט דאך שוין א בחור אין יאהרען, פאר וואס טהוסט דוא ניט קיין שידוך.

מייקעל. דוא ווייסט דאך חייקעל, אז טהון איין שידוך דארף קאסטען געלד און אויף דעם בין איך גאנץ קארג.

חייקעל. איך וועל דיר געבען איין עצה, מייקעל ברעך דעם קארג וועסט דוא טהון איין שידוך.

חייקעל. איז דאס אמת מייקעל, אז דיין בוכהאלטער איז מיט דיין קאסע און מיט דיין טאכטער אנטלאפען געווארען?

מייקעל. יא, דאס איז אמת, אבער וויא איך פערשטעה וויל ער תשובה טהון, דען ער צאהלט מיר איים־ביסליך ווייס.

חייקעל. אזוי? ער שיקט דיר אב געלד?

מייקעל. ניין דערווייל האָט ער מיר נור מיין מאַכטער ארייננעשיקט.

חייקעל. ביי מיר איז איין שמחה, דען עס איז שוין אוועק איינינע וואָך פון דעם טאג וואָס איך האב נעהייראַטעט מיט מיין נעליעבטע.

מייקעל. נוא, איז וואָס?

חייקעל. און מיר האָבען זיך נאָך נים פיינד.

חייקעל. וואָס זאָנסט דוא צו מיין שניידער? ער נייט מיר איטער מיינע רעק אָהן פּאַקעטס.

מייקעל. מסתמא ווייס ער פון דעם סוד, אז דוא האָסט ניט וואָס אין זיי צו לייגען.

חייקעל. דוא ווייסט, מייקעל, אז איך האָב מיט מיין פרוי זעהר שלעכט געטראָפען? דען זיא האלט אין איין בעטען גט.

מייקעל. בייא מיר איז נאָך אנ'ערגערע, מיינע וויל נאָר פון א גט ניט הערען.

חייקעל. וויא אזוי בענוצט מען דיא 4 רעגעלען פון רעכענען?

מייקעל. גאַנץ איינפאַך: זאָגט א ליידי וויא פיעל זיא איז אלט, מאַך א „כפל“, — א קלאָק מייקער — וויפיעל ער פערדינט, מאַך א „חיסר“, און ווען דוא טרעפסט, אז דיין פרוי מאַכט מיט דעם באָרדער א „חיבר“, זאָלסט דוא שנעל מאַכען א „חילוק“.

חייקעל. איז דאָס אֶמת וואָס מיא זאָגט, אז דיין ברודער בעקומט יעדען טאָג זעהר פיעל ליעבע בריעף פון שיינע מיידלאך?

מייקעל. דאָס איז א ליגען, מיין ברודער איז דער עהרליכסטער מאַן אין דער וועלט, דיא בריעף, וואָס ער ערהאַלט יעדען טאָג זיינען בילס פאַר וואַרע, וועלכע ער וויל נים בעצאהלען.

חייקעל. דוא האָסט געהערט מייקעל? דער קאָרנער דאָקטאָר ב... איז געפעהרליך קראַנק.

מייקעל. ער קאן דאך זיך אליין קורירען.

חייקעל. דאס וועט ער נים מהון, ווייל קיינער וועט איהם דערפאר בעצאהלען.

חייקעל. זאג מיר נאר, מייקעל, איבער וואס האסט דוא דיך דאס גע'גט מיט דיין ווייב?

מייקעל. איבער א קליינגקייט. דערפאר וואס איך האב מיט איהר חתונה געהאט.

חייקעל. פון וואנען נעהמט דיא וועלט צו זאגען, אז קנעלען איז שווע־רער פון האלץ האקען?

מייקעל. גאר פשוט. האלץ האקען איז וואס מיט א גוי מעהרער אלץ גרינגער, און קנעלען איז וואס מיט א גוי מעהרער אלץ שווערער.

חייקעל. ווען זאגט מען דריי ליגענס מיט איין מאל?

מייקעל. ווען דוא בעטסט ביי יעמאנדען בארגען געלד און ער זאגט דיר: יעצט (און ווען יא?) האב איך נים ביי זיך (און צו הויז?) קיין קליינ־געלד. (און גרויס־געלד?)

חייקעל. איז דאס אמת מייקעל, אז דוא האסט זיך געוואסטען דוא זאלסט פירציג טעג נים עסען און פירציג טעג נים שלאפען?

מייקעל. יא, עס איז אמת, נאך מיט צעהן טעג האב איך דיא וועטע אנגעפאנגען.

חייקעל. נוא וויא פיהלסט דוא זיך?

מייקעל. זעהער גוט, איך עס מיט אפעטיט און שלאף וועהר גוט שמאק.

ישובניק. איך וויל וויסען, רבי, פאר וואס זאגט איהר, אז איך וועל מעה־ליערען דעם דין תורה?

רב. ווייל דוא האסט נים קיין עדות.

ישובניק. איך קען אייך, רבי, ברייגגען צוויי טהייערע עדות.

רב. ווער זענען זיי?
ישובניק. אפאר ענדיקעס אויף פסח.

חייקעל. פאר וואס איז א קוש אחר ווי דאס ערשטע בעשעפעני׳ש פון גאטט?
מייקעל. ווייל ער ווערט געמאכט פון „גאר גישט" און מען ווייסט, אז עס איז גוט!

חייקעל. זאג מיר נאר מייקעל, ווארום האבען חתן כלה אימער נור ליעב צו פערברייינגען וואו עס איז פינסטער?
מייקעל. כדי עס זאל זיי נים „נודיען" קוקענדיג איינע אויף די אנדערע.

חייקעל. זעה. א וואונדער וויא די טרייג׳ס געהן מיט פארע?
מייקעל. בהמה איינער, דאס איז קיין נייס, ווען די אידען זיינען נאך געוועען אין מצרים, איז מען שוין געפאהרען אין וועגען מיט פארע.
חייקעל. פון וואנען נעהמסט זיך דאס?
מייקעל. עס שטעהט בפירוש אין פסוק: וישלח ענלות על פרפרעה.

חייקעל. דוא ביזט דאך גאר קיין כהן. פאר וואס ושע נארסטו אפ דיין ווייב און מאכסט איין פדיון הבן?
מייקעל. נאר איינער, מיין ווייב האט מיך אויף אפגענארט, עס איז ביי איהר שוין דאס דריטע קינד.

חייקעל. דוא ווייסט, אז מיין ווייב איז געשטארבען?
מייקעל. (פערוואונדערט) וואס! דיין ווייב איז געשטארבען?
חייקעל. יא, געסטערען האט מען איהר בעערדיגט.
מייקעל. איך האב דאך דיר געסטערען געזעהן אויף אנ׳אקשען.
חייקעל. דוא ביזט א גרויסער דום סאפ, ווייסט דוא דען נים, אז ביי נעם איז בעפאר פלעזשור".

חייקעל. פאר וואס ביזט דוא אויף מיין חתונה נים געוועז?
מייקעל. ווייסט דוא דען נים, אז איך בין א כתן.
חייקעל. נוא איז וואס?
מייקעל. ביזט דוא משוגע? דוא האסט פערגעסען, אז א כתן טאר נים שטעהען אויף דעם בית הקברות?

חייקעל. וויפיעל איז שוין, אז דיין ווייב ליגט קראנק.
מייקעל. אז זיא וועט נאך ליגען דריי וואכען וועט זיין גלייך א חודש.

חייקעל. ווארום בעשיט מען א חתן אונטער דער חופה?
מייקעל. אז ער איז בעגראבען זאל ער זיין בעשאטען אויך.

חייקעל. ווארום גייען חתן כלה געארעמט?
מייקעל. ער טאפט איהר דופק וויא לאנג זיא וועט איהם לעבען.

צדקה רעטעט פון טויט דעם מילדען, און דער טויט רעטעט פון צדקה דעם קארגען.

דער מענש איז געבוירען צום שמייסען: פארהער שמייסט איהם דער טאטע, נאכהער שמייסט איהם דער רבי, נאכהער שמייסט איהם דאס ווייב, נאכדעם שמייסען איהם דיא קינדער. נאכדעם שמייסט איהם דער מלאך דומה.... נאך אלעם שמייסט מען איהם אויף יענער וועלט.

פרויענליבע איז גרעסער פון דער נאהענט, מענשענליעבע איז גרעסער פון דער ווייט.

ווען דיא ווייב איז יונג, ליעבט מען דיא קינדער צו ליעב דיא ווייב, ווען דאס ווייב איז אלט, ליעבט מען דאס ווייב צו ליעב דיא קינדער.

דער קלוגער בעשולדיגט אין אלע הינזיכטען נור זיך, דער נאר אבער, נור דען צווייטען.

דיא נאָדעל איז קליין און דין, און שפּייזט דיא גאַנצע תּוֹרה.

דער ּמאַנגעל לויערט צו פאַנגען זאָגאר דעם פלייסיגען, דער אָבער לאָזט איהם אויף דער שוועל ניט הערויף טרעטען.

עס איז פיעל אַנגענעהמער אָב צורוהען פון דער ארבייט, איידער ניט ארבייטען.

דיא אלטע קוראַציע האָט געהייסען בלוט לאָזען און ניט טרינקען קיין וויין און מען איז געזונד געוואָרען, היינט טרינקט מען וויין און מען לאָזט ניט קיין בלוט, און מען קרענקט ?!

היינטיגע הענדשקעס זיינען לענגער פאר א מאָהליגע זאַקען, און היינטיגע ארבעל זיינען קורצער פאר אמאָהליגען שׂכל.

ווען קען מען. דיא פרייהייט שעטצען? ווען מען איז אין פעסטונג גע־שלאָסען.

צו וואָס ברויכט מען פאַפּיראָסען? מען זאל זיך קאָנען בלאָזען נעגע־דען צווייטען!

איך האָב שוין דאָס אויך געזעהען, וויא פליגען פליהען הויך, און לייבען ליגען אויף דער ערד.

א רבּי זאָגט (צום תלמיד): דוא לעהרען, איך וועל זיך א ווײלע לעה־נען שלאָפען — פאר׳ן לעהרנען, רבּי, נעמט איהר דאָך געלד, טאָ לעהרנט איהר און איך וועל געהן שלאָפען, האָט דער תלמיד געענטפערט. — שטיל דוא עז פּנים, איך נעם דאָך ניט שׂכר למוד, נור שׂכר בּטלה! — האָט איהם דער רבי געענטפערט.

דריי שווערע זאכען זיינען דאָ: א תענית פאר׳ן רייכען, יום טוב פאר׳ן אָרעמען, א גוט וואָרט פאר׳ן קריטיקער.

איינער האָט פּראָטעסטירט נעגען תורת משה, אז דאָס אָבּ־נטין א פּרוי איז איינע מערדערליכע האראקטערלאָזע בעהאנדלונג נעגען דיא מענשהייט, — אויף דעם האָט איהם א קלוגער בעאנטוואָרטעט: בעסער זאָלען פיער מענשען לעבען מיט פערגעניגען, איידער צוויי מיט קרענקונג.

איינריכטען א קעניגרייך דויערט הונדערטע יאָהרען, פערניכטען — איי־נינע טאָגען.

דריי ליעבען דריי, אָהנע אונטערשיעדונג, צו גוט צו שלעכט: דער פאָ־טער זיינע קינדער, דער מייסטער זיין ווערק, דער מאַן זיין פאָטערלאַנד.

עס איז פיעל גרינגער צו מאכען זיך פרום, וויא צו מאכען זיך קלוג, צו גלויבען — גרינגער וויא צו פערשטעהען, צו פערשפּרעכען וויא צו ערפילען.

עס איז פיל גרינגער דעם מענשען ער זאָל געפינען טויזענד פעהלער ביי יענעם איידער ביי זיך איינעם.

נימאָלס האָט נאָך קיין מענש חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט גוטעס געטהאָן.

וואָס דיא פרוי איז, א גוטע צו א שלעכטע, נעמט זיא אלץ פון איהר מאַן, דיא ערשטע נעמט צו דאָס הערץ, דיא צווייטע — דיא גאַלל.

דריי נעהען גאַנץ גלייך: דיא שיעף אויפ'ן וואסער, דער לאָקאָמאָטיף אויף דיא שינעס, דיא גליטש־שיף (ליושבעס) אויפ'ן גליטש, און אלע דריי ויינען אין געפאַהר.

זאָגאר א בלינדער מיט אלאָטען, נור צוזאַמען, קענען עררייכען זייער ציעל.

דיא גרעסטע נקמה איז, צו פערגעלטען גוטעס פיר שלעכטעס.

אמאהל האבען אונזערע חכמים געזאגט: כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמדה תפלות, היינט זאגט מען: כל המלמד את בתו תפלות כאלו מלמדה תורת.

ווען דער בלינדער פיהרט דען זעהענדיגען, מוזען ביידע פאלען.

דיא שטראפגעזעצטע זיינען גלייך וויא שפינוועב, דיא קליינע פליגעלאך פאללען הערייז, דיא גרויסע פאלען דורך.

ביים קויפמאן אין דיא אויגען זיינען אלע קויפער. ביים פערפאסער אין דיא אויגען, זיינען אלע לעזער.

א קנעבעל איז גענליכען צו א בעזים, ער איז טריי, נור ווען ער איז ניי.

קוקסטו אויף דעם הימעל, פערגעס ניט אז דוא שטעהסט אויף דער ערד.

ווען דיר גליקט דיא צייט, זאלסט דוא ניט מיינען חייל דוא ביזט קלוג, דוא זעהסט דאך פיעלע גרעסערע נאררען וויא דוא, ווערען נאך רייכער אלס דוא.

וויא דער שענקער האט ליעב דעם שיכור, דאך וויל ער איהם זיין טאכ-טער פאר קיין ווייב געבען.

עס איז גרינגער צו זיין קלוג פיר דען צווייטען, אלס פיר זיך.

זאגאר מיט דיין שונא מעגסטו זיך בעראטהען (א עצה האלטען), נור וויסען זאלסטו צו טהון פערקעהרט.

דער דאקטאר קען זיך ניט געזונד מאכען, דער ארעסטאנט קען זיך ניט פריי מאכען.

אין דער יוגענד דארף מען זיך לערנען צו קענען רעדען, אין די אלטערע יאהרען דארף מען זיך לערנען צו קענען שווייגען.

נור דאן קען דער מענש זיך גליקליך רעכנען, ווען דאס גליק אויף דאס אונגליק זאלען זיין ביי איהם גלייבגילטיג.

קליינע קינדער זיינען קלוג, נאכהער לערנען זיי זיך פון די גרויסע, ווערען זיי נארען.

דאס געלד איז א שלעכטער הערר און א גוטער קנעכט.

חאלסט דוא דיין סוד ביי זיך, איז ער ביי דיר פערקויפט, גיבסטו איהם אוועק דען צווייטען, ביזט דוא שוין ביי איהם פערקויפט.

דער וואס גיבט איבער זיין סוד איינע פרוי, דער בעהאלט זיין וויין אין א זיעב.

בעסער צו היטען אליין דעם סוד, איידער צו בעטען יענער זאלין היטען.

זאגט דיר נור יענער דאס ער האט א סוד, האט ער שוין די ערשטע העלפט געזאגט. די צווייטע העלפט — וועט ער דיר שוין מארגען זאגען.

ווען עלטערען האבען ניט קיין געלד איז א האלבע צרה, ווען קינדער האבען ניט קיין שכל איז אגאנצע צרה.

וואס איז דער אונטערשיעד פון קלוגען צום נארען? דער קלוגער זעהט זיך הערום פאראהער — דער נארר — נאכהער.

ווען דער פעלדמאן אקערט ניט אום ווינטער, האט ער ניט אויף זומער, ווען דער פוילער גרייט ניט אן אום זומער, האט ער ניט אויף ווינטער (די אלטע יאהרען).

ווער איז דער נידעריגסטער מענש? דער וואס וועגען איהם איז ניטא וואס צו רעדען.

דיא ארמוטה איז א טאכטער פון דער פוילהייט, און דאדורך האססט מען דעם ארעמאן, ווייל מען רעכענט, דאס זיינע ארמוטה קומט דורך פוילהייט.

אויב דוא זאגסט דוא וועסט נארען דען צווייטען, האסט דוא זיך שוין גענארט.

ניט מיט פיעל פיס קען דיא פליג לויפען, ניט מיט פיעל משרתים קען דיא שטוב גליקען.

דער שקר איז זעהר גרינג, דארום טראגען איהם פיעלע.

וויא אונגליקליך איז דער וואס לעבט ארעם, אום צו שטארבען רייך.

וואס וועניגער דוא וועסט זיך ווינשען, וועסטו האבען וועניגער מאנגעל.

עס איז לייכטער צו ערווערבען רייכטהום, אלס צו היטען רייכטהום.

אזוי וויא עס איז ניט שעהן פאר נאררען צו רעדען, אזוי איז ניט שעהן פאר קלוגע צו שווייגען.

דער קארגער איז געגליכען צו אנגעטרייען הינד: דער הונד היטעט זיין העררענס געלד, דער קארגער היטעט זיינע יורשים'ס געלד.

דעם ארעמאן פעהלט פיל, דעם קארגען פעהלט גאר.

טהוא דעם שלעכטען ניט קיין גוטעס, וועט ער דיר ניט טהון קיין שלעכטעס.

בעסער צו זיין א נארר מיט דיא נאררען, איידער צו זיין א נארר ביי דיא נאררען.

זקנה, מאכט: זיפצען, קרעכצען, נוססען, הוסטען.

א גרויסער פרומער קלוגער יוד (רא״ק) האט געזאגט: הלואי וואלט איך אזוי געקענט ליעבען דעם צדיק וויא נאט האט ליעב דעם רשע.

פון וואנען שטאמט וואס דיא וועלט זאגט: „דיא מעשה האט שוין אבארד״? ווייל יעדערער לעגט צו אהאר, ווערט אבארד.

ווען דער שחרית וואלט ניט האבען אויף זיך דעם טלית און תפלין, וואלט ער נעהאט דעם איינענעם פסק וואס מנחה און מעריב האט.

איין אפיקורוס איז געווארען א בעל תשובה. און אויף דער פראגע „עס שטעהט דאך כל באיה, לא ישובון״ (בדרשת רז״ל), האט ער געענטפערט, דער אפיקורוס האלט פון דעם פסוק אויך ניט.

א פראווינץ מענש האט זיך קורירט אין ווארשא. און צייט צוויי וואכען האט ער פערקרענקט 150 רובל. ביים רעכנונג מאכען האט ער אנגעהויבען וויינען און האט געזאגט: מיט אזא סוממע געלד האב איך דאך געקענט אין דער היים קרענקען מיט דיא גאנצע פאמיליע גאנצע צוויי יאהר.

איינער דערהערט ניט וויא יענער ריהמט איהם, כדי ער זאל נאך אמאל איבער זאגען.

חכמה אתו אמונה, איז גלייך וויא עס שיינט דיא זון אויף אייז און גליטש.

ער זאל וויסען אז אין שול איז קיינער נימא״ נור נאטט אליין, וואלט ער ניט געקומען דאווגען.

וואַרטען לאנג צו נעמען א פרוי, מוז מען איבער לאָזען יתומים.

ווילסט דוא דיין שונא אין גאנצען בעזיגען דאָס ער זאָל נימאלס אויף שטעהען געגען דיר, זאָלסט דוא מיט איהם שלום שליעסען.

בעסער זאָל מיין שונא זעהען אין מיין גליק, אלס איך זאָל זעהען אין זיין אונגליק.

אויב דער וואָלף וויל מיט דיר שלום שליעסען, זאָלסט דוא וואָס צום ניכסטען בעהאַלטען דיינע שעבסעלאך.

דער צאהן דאָקטאר: ביי מיר מוזען אלע פארביסענע און פארשלאָסענע מיילער, אויפגעעפענט ווערן.

דער ריכטער: ווייסט איהר וויא פיעל מאָהל איהר זייט שוין בעשטראָפט געוואָרען?

דער גנב: דאָס ברויכט איהר בעסער וויסען, וויל איך פארשרייב מיר ניט אזעלכע זאכען אין בוך.

ווען מענשען אָרדנען זיך איין נאָך דיא געזעצע איז גוט, נאָך בעסער ווען זיי אָרדנען דיא געזעצע נאָכן מענשען....

פון קיין זאך קען מען זיך אזוי פיל ניט אויפרעגען וויא צו הערען פון פרעמדע מענשען דאָס מען איז אויפגערעגט

דער חתן: בעסער דיא ערשטע קריג, איך מוז דיר זאגען וויא באַלד מיר וועלען חתונה האבען. וועל איך זיין אייפערזיכטיג.

דיא כלה: איך דאנק דיר פאר דיינע אָפפענהערציגקייט. איך וועל זיך מיהע געבען צו זיין פאַרזיכטיג.

אז דער מענש ווערט ערהויבען דאן ווייסט ער וואס הייסט קנאה....

דיא אונגליקליכע ליבע ענדיגט זיך מיט — חתונה האבען.

דער גאסט: פאר וואס האט איהר אייער גראבען פינגער אריין געשטעקט אין טעללער זופ?

דער קעלנער: עס שאדעט ניט וויל עס איז ניט הייס.

דיא קאקעטקעס זייגען מיט אונז קיין מאהל ניט צופרידען, זיינען מיר איינפערזיכטיג ערגערען זיי זיך. טהון מיר דאס ניט, ערגערן זיי זיך נאך מעהר.

דאס חתונה האבען איז אין לעבען אין וואגען. דאס ווייב זיצט אין איהם און דער מאן מאטערט זיך עס צו שלעפען....

„קארטען" האט מען אויסגעטראכט אויף שפיעלען; מיר האבען אבער א גרויסען טעות ווען מיר רעכנען, דאס מיר שפיעלען מיט דיא קארטען, ניין: דיא קארטען שפיעלען מיט אונז, מיט אונזער שוואכען האראקטער און מיט אונזערע נאטור פעהלערין....

דיא „ליעבע" איז איין קליין בריקעל, צווישען דעם גן־עדן און גיהנם....

דיא פרויען געדענקען דעם טאג פון זייער געבארען און פארגעסען, אין וועלכען יאהר דאס איז געוועזן.

ווען צירונג וואלט וועגען אפילו עטליכע פוד, וואלט עס אויך פאר פרויען נים צו שווער געווען צו טראגען אויף זיך.

א שטארקע פעסטונג און א פרוי א צנועה זענען גלייך: ביידען קען מען איינגעמען, ווען מען בעלעגערט אויף זיי א לאנגע צייט; נור מיט דעם קליינעם אונטערשייד: דיא ערשטע פאלט אריין אין דיא הענד פון שונא און דיא צווייטע — אין דיא ארמען פון איהר געליבטען.

ע נ ד ע.

די נייע אידישע שול

פון י. לעווין

א לעהרבוך פאַר אידיש־אַנפאַנגער צו לערנען לעזען און שרייבען אידיש, מיט צייכנונגען און בילדער. ענטהאַלט אויך שעהנע ערצעהלונגען, מעשה׳לאַך און פאָלקס־ליעדער.

דיזער לעהרבוך איז ארויסגעגעבען געוואָרען פאַר דעם צוועק צו לערנען אַמעריקאַנער אידישע קינדער אונזער אידישען מאַמע־לשון, אום זיי זאָלען זיך קענען צוזאַמענרעדען און צוזאַמענשרייבען מיט דעם גרעסטען טייל פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען געמאַכט אידיש פאַר זייער פאָלקס-שפּראַך.

דיזער אידישער לעהרבוך איז אַזוי איינפאַך, דאָס ניט נאָר לעהרער, נאָר אויך יעדער פאָטער און מוטער, וואָס קען אידיש, קען זיך מיט איהם בענוצען אויסצולערנען זייערע קינדער אין א קורצע צייט צו קענען לעזען, שרייבען און אויסלעגען אידיש.

אויך דערוואַקסענע, וועלכע שרייבען אידיש מיט פעהלערען, וועלען זעהר פיעל פּראָפּיטירען דורכגעהענדיג דיזען לעהרבוך, ווייל זיי וועלען דאָרט געפינען פיעלע זעהר וויכטיגע גראַמאַטישע און אָרטאָגראַפישע כללים, לויט ווי זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען די לעצטע צייט.

גערדוקט אויף גוטען פּאַפּיער און פיין געבונדען

פּרייז 50 סענט

HEBREW PUBLISHING COMPANY
50-52 Eldridge Street New York

פון פאָרק'ס מויל

זאמלונג פון אידישע מעשה'לאך פאַר קינדער צו לעזען
אין שול און אין הויז

פון יואל ענטין

די מעשה'לאך זיינען געשריבען אין א ריינעם אידיש לויט עס ווערט איצט אונטעררינכט אין די מאָדערנע אידישע פאָלקס־שולען.

די מעשה'לאך זיינען עכט אידישע פאָלקס־מעשות, וועלכע זיינען באשאפען געוואָרען אין דער אידישער פאנטאזיע אין פארשיידענע צייטען.

יעדע מעשה'לע שפּיגעלט אין זיך אָפּ דאָס אידישע לעבען און דענ־קען פון יענער צייט און ענטהאַלט א מוסר־השכל, וואָס וועט פיל העלפען צו ענטוויקלען די מאָראַל פון די קינדער.

די מעשה'לאך זיינען געשריבען ספּעציעל פאַר קינדער צו לעזען אין זייער פרייע צייט אין שול און אין הויז. אָבער אויך ערוואַקסענע ווע־לען די מעשה'לאך מיט פארגעניגען לעזען, ווייל זיי זיינען זעהר שעהן, אינטערעסאַנט און שפּאַנענד.

אַלע העברעאישע ווערטער, וועלכע קומען פאָר אין דיזען בוך, ווערען צו ענדע פון יעדער פּיידזש איבערגעדרוקט מיט זייער אויסשפּראַך און פארטייטשונג אין אידיש, און אזוי אויך אַלע שווערע ווערטער, וועלכע ווערען אין רעדען אזוי אָפט ניט געברויכט, אום דאָס קינד זאָל ניט האָבען קיין שוועריגקייט אין לעזען און זאָל פארשטעהן וואָס ער לעזט.

דאָס בוך קען געברויכט ווערען אין יעדער שול אַלס צווייטער טייל צו יעדער אנפאַנגס־מעטהאָדע צו ערלערנען פאָלקאָם די אידישע שפּראַך.

דאָס בוך איז פּראַכטפאָל געדרוקט און אילוסטרירט מיט צייכנונגען פון ס. ראַסקין.

פּרייז $1.00

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער

Hebrew Publishing Company

50-52 Eldridge Street New York